# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

## בדרשת ז׳ אדר תשפ״ב לפ״ק

קליפת עמלק הקרירות לעבודת ה׳ • ירידת הדורות בשנים האחרונות • האינטערנעט פורצות המחיצות בין ישראל לעמים, והזהירות להשתמש רק ב׳טעבלעט׳ לצורך מסחרו • האדם נמשך בדיעותיו אחר אנשי מדינתו • מעשי האדם נוגע לדורותיו אחריו • מצב החינוך אצל בני הנעורים בת״ת ובישיבות • דרכי התוכחה לבנים אחר נישואיהם • סומך ה׳ לכל הנופלים • הפריצות הנוראה במלבוש השייט״ל • מצב המלחמה באוקריינע

יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען

**אונז** שטיי מיר נאנט צו שבת פרשת זכור, עס איז א מצוה פון די תורה, זכור את אשר עשה לך עמלק וגו׳, מען זאל געדענקען וואס עמלק האט אונז געטוהן, אשר קרך בדרך, ויזנב בך כל הנחשלים, ואתה עיף ויגע, יודען זענען געווען אויסגעמיטשעט, מיד, ולא ירא אלקים, און ער האט נישט מורא געהאט פונעם אייבערשטען. תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, לא תשכח, מען זאל אויסמעקן דעם זכר פון עמלק (דברים כה-יז). רש״י זאגט, וואס איז אשר קרך, וואס האט עמלק געטוהן. לשון קור וחום, קרך איז א לשון פון קאלטקייט, קאלט׳ס און ווארעמ׳ס. צננך, ער האט דיך אפגעקילט, והפשירך מרתיחתך, און ער האט דיך געמאכט לוילעך פון דיין קאך וואס דו האסט געהאט. טייטשט רש״י, די אומות האבן מורא געהאט מלחמה צו האלטן מיט יודען, נאך די גרויסע נסים וואס איז געווען ווען מען איז ארויס פון מצרים, און עמלק איז געקומען, והראה מקום לאחרים, און ער האט געוויזן א פלאץ פאר אנדערע, אז מען קען טשעפענען יודען. משל לאמבטי רותחת, עס איז א משל צו א קאכעדיגע וואנע, וואס א מענטש קען נישט אריינגיין דערין, איז געקומען א בן בליעל, און ער איז אריינגעשפרינגען, אף על פי שנכוה, אפילו ער איז געווארן אפגעבריהט, אבער הקרה אותה בפני אחרים, ער האט עס אפגעקילט פאר אנדערע, דאס איז געווען עמלק.

### אשר קרך בדרך – לקרר ההתלהבות לעבודת ה׳

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די קליפה פון עמלק איז קאלטקייט! קרך, אפקילן דעם מענטש פון זיין ווארעמקייט, פון זיין התלהבות דקדושה וואס ליגט אין יעדן יוד פון ווען ער איז געבוירן געווארן. אין יעדן יוד ליגט א נאנטקייט צום אייבערשטען, א ברען צום באשעפער. נשמת ישראל זענען פייער, נר ה׳ נשמת אדם (משלי כ-כז), די נשמה פון יעדן יוד ברענט פארן אייבערשטען, ער וויל זיך מתדבק זיין בקונו, ער וויל טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך (ברכות יז.), יודען ווילן טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. קומט די קליפה פון עמלק, און ער טוט אפקילן א יוד פון זיין התלהבות און עבודת ה׳. דו טוסט מצוות, אבער עס זאל געטון ווערן אהן א חשק, מצות אנשים מלומדה, אזוי ווי מען איז צוגעוואוינט צו טוהן. אריינצולייגן אן עצלות, א מידעקייט אין עבודת ה׳. ווייל א זאך וואס א יוד טוט מיט א ברען, ער טוט עס מיט א חשק, ווערט ער נישט מיד דערפון. ווען א מענטש שטייט אין געשעפט, און ער פארדינט געלט, איז ער נישט הונגעריג, ער איז נישט דורשטיג, ער איז נישט מיד, ווייל ער באקומט א חיות פון וואס ער טוט. אין מדרש (אסת״ר ג-ד) שטייט, דער מדרש רעדט זיך אפ אינעם נאמען פונעם אייבערשטען, מען רעדט א גאנצן טאג, און מען ווערט נישט מיד. אבער ווען ער שטעלט זיך דאווענען,

ווערט ער מיד. מען שמועסט א גאנצן טאג, און מען ווערט נישט מיד, אבער ווען ער זעצט זיך לערנען, ווערט ער יא מיד. לא אותי קראת יעקב, כי יגעת בי ישראל (ישעיה מג-כא), נישט מיך האסטו גערופן, ווייל אז דו קענסט מיד ווערן, איז א סימן אז דו ביזט נישט צוגעבינדן צו מיר.

**דער** אייבערשטער האט אונז געהייסן מיר זאלן מוחה זיין דעם זכר פון עמלק, זכור את אשר עשה לך עמלק, אונז זאל מיר געדענקען וואס עמלק האט אונז געטוהן, אשר קרך בדרך, **זיין קליפה איז אפצוקילן אונז פון אונזער פלאם. ואתה עיף ויגע, ער ברענגט אריין אין אונז א מידיקייט, און א מיטשעניש. א מצוה וואס קומט אונטער די האנט, קומט אים אהן מיט יגיעה, מיט עייפות, ולא ירא אלקים, ער האט דיך אפגעקילט, דו זאלסט נישט זיין קיין ירא אלקים.**

**זאגט** די תורה הק׳, תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, מעק אויס דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל. די גמרא (פסחים נ:) זאגט, אז רבא האט געפרעגט א סתירה, איינמאל שטייט (תהלים נז-יא) כי גדול עד שמים חסדך, און איינמאל שטייט (שם קח-ה) כי גדול מעל שמים חסדך, הא כיצד, כאן בעושין לשמה כאן בעושין שלא לשמה. די וואס טוען ערליך, דאס איז כי גדול מעל שמים. די וואס טוען שלא לשמה, איז עס נאר עד שמים. די וואס דינען דעם אייבערשטען, און עס איז נישט מיטן גאנצן הארץ, די עבודה איז נאר מתחת השמים, עס בלייבט דא אונטן, עס גייט נישט ארויף, עס איז נישט מעל שמים. תמחה את זכר עמלק ׳מתחת׳ השמים, אונז דארף מיר אויסמעקן דעם זכר פון עמלק, וואס זיין קליפה איז, אז עס זאל בלייבן אלעס תחת השמים, דא אונטן. דער עמלק וואס טוט אפקילן יודען פון צו דינען דעם אייבערשטען מיט אהבת ה׳ מיט יראת ה׳, עס זאל נישט זיין פרחית לעילא, עס זאל זיין תחת השמים, די קליפה דארף מיר אונז אויסמעקן. מען דארף זיך אנשטרענגן צו דינען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ.

*

## שינוי גדול בצביון הכלל ישראל בשנים האחרונות

**בעוונותינו** הרבים איז דא היינט א געוואלדיגע ירידה פון די פריערדיגע דורות, עס האט זיך די לעצטע פאר יאר געטוישט די גאנצע אויסשטעל, און די גאנצע מהות פונעם כלל ישראל, פון וואס עס איז געווען יארן צוריק. **פון איין זייט געלויבט דער אייבערשטער, עס איז דא א געוואלדיגער ציבור וואס זענען שומרי תורה ומצות, וואס מען איז מדקדק בקלה כבחמורה, ערליך, אויסגעהאלטן. מען איז מדקדק אויף יעדע זאך, א דאורייתא, דרבנן, מנהגי ישראל. עס איז פארמערט געווארן לומדי תורה אין די לעצטערע יארן, די בתי מדרשים זענען פיל מיט עוסקי תורה. און מען מאכט גדרים וסייגים, אז מען זאל נישט פורץ זיין אין חומת התורה, און מען איז מגדל די קינדער אויף דעם וועג, עס איז ישראל אשר בך אתפאר! אונז קען מיר זיך רימען מיט א חלק פון כלל ישראל וואס זענען אין די מדריגה.** - אשרי חלקם, וואויל איז פאר זיי, וואס זיי האלטן אהן אלעס אזוי ווי עס איז געווען ביי אונזערע אבות. וואס זיי גייען אויפן ריכטיגן וועג, זיי לאזן זיך נישט איבעררעדן, זיי ווערן נישט נאכגעשלעפט נאך די רוח פון די גאס, און זיי דינען דעם אייבערשטען. דאס איז איין חלק פון די מטבע.

**אקעגן דעם איז געווארן אין אונזערע צייטן אסאך נושרים, אסאך וואס פאלן אוועק, פורקי עול תורה, זיי האבן איבערגעלאזט די וועגן פון די תורה.** זיי האבן איבערגעלאזט די וועגן וואס זיי זענען נתחנך געווארן ביי זייערע עלטערן, זיי האבן אנגעהויבן צו פאשען אין פרעמדע פעלדער, און זיי זענען געפאלן און געפאלן עד הדיוטא התחתונה, ביז די נידריגסטע וואס קען זיין. אין אלקים לנגד עיניהם, זיי זענען אויסגעשאלטערט פון אלעם. זיי גייען ארום, זיי זענען פארבלאנדזשעט, זיי זענען אלע מענטשן וואס זענען צובראכן תוך תוכם אויף שברי שברים. מענטשן וואס האבן נישט קיין שום סיפוק אין זייער לעבן, בבקר יאמר מי יתן ערב, ובערב יאמר מי יתן בוקר, דער אוועקגעפאלענער ווארט אז דער טאג זאל אים שוין דורכגיין. צופרי ווארט ער עס זאל שוין ווערן נאכט, ביינאכט ווארט ער עס זאל שוין ווערן ביי אים טאג. זיי ווייזן א פנים פון אינדרויסן כאילו זיי זענען די וואס האבן הנאה פון די וועלט, זיי זענען די וואס זענען מצליח, אבער דאס איז נאר א מאסק אויפן פנים פאר אנדערע. **אינעווייניג אין זייער פנימיות, זענען זיי שברי כלים, זיי זענען צובראכן, זיי האבן נישט קיין שום רואיגקייט אין זיך, זיי האבן נישט קיין שלות הנפש. עס איז נישט דא וואס זיי מקנא צו זיין! זיי לעבן א לעבן**

וואס איז אנגעפילט מיט יסורים אין זייער פנימיות, עס איז נישט דא ביי זיי קיין שמחת החיים. ווייל עס איז נישט מעגליך קיין שמחת החיים אויף דעם וועג. דאס איז דער צווייטער צד וואס איז דא ליידער ביי יודען. - און צו זיי איז שוין ליידער נישט דא וואס צו רעדן, זיי זענען אוועקגעגאנגען, זיי זענען אוועקגעפאלן, און דער באשעפער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי, אז זיי זאלן צוריקקומען אויפן ריכטיגן וועג.

## קבוצות בני הנעורים אשר בפנימיותם אינם חרדים לדבר ה׳

עס איז אבער דא אינצווישן, עס איז דא נאך א סוג פון יודען, און זיי זענען נאך א גרעסערע סכנה און א גרעסערער מכשול פאר אונז מיט אונזערע קינדער, מער פון די וואס האבן איבערגעלאזט אלעס, און זיי זענען אוועקגעגאנגען אינגאנצן. עס פארמערט זיך א קבוצה פון די יונגע יונגעלייט, זיי זענען נישט קיין פורקי עול תורה, זיי האבן נישט אראפגעווארפן פון זיך דעם עול התורה. זיי קומען אין בית המדרש דאווענען יעדן צופרי און יעדן ביינאכט, זיי דרייען זיך צוזאמען מיט אונז, זיי שיקן זייערע קינדער אין היימישע תלמוד תורה׳ס, זיי האבן אפילו נישט געטוישט זייער אויסענווענדיגע חסידישען לבוש, זיי זענען אנגעטוהן אזוי ווי זיי זענען נתגדל געווארן. אבער זייער פנימיות איז אינגאנצן געטוישט געווארן, זיי זענען נישט קיין חרדים לדבר ה׳, זיי האבן נישט מורא פון קיין עבירה, עס אינטערעסירט זיי נישט יודישקייט קיין סאך, עס איז מיט א קאלטקייט.

אין דעם איז אויך דא צוויי ערליי מדריגות, עס איז דא אזעלכע וואס מען דערקענט עס אויף זיי אינדרויסן אויך. ווי אזוי זיי פירן זיך אויף, דערקענט מען אויף זיי, אז זיי זענען די שוואכע וואס איז דא ביי אונז אין כלל ישראל. די סימנים דערויף זענען, די קאפל ווערט אים קלענער פון וואס עס איז געווען, ער גייט מיט א קאפל אויפן שפיץ קאפ. ווען ער קומט אין בית המדרש, צו ווען ער דרייט זיך אויפן גאס, גייט ער אהן א היט. וואס די יראת שמים פון א מענטש זאגט די גמרא (שבת קנו:) איז תלוי אינעם כיסוי הראש, ווי אזוי דער קאפ איז צוגעדעקט. כסי רישיך כי היכי דתהוי עליך אימתא דשמיא, אז מען וויל האבן יראת שמים, ווענדט זיך עס אין דיין קאפל, אין דיין היט, דאס איז דער יראת שמים. און אז דיין קאפל ווערט קלענער, און דיין היט האסטו נישט אהן, איז א סימן אויף דיין פנימיות, אז עס פעלט אין יראת ה׳. - מען קומט אין בית המדרש, דער טלית איז אים נישט אויפן קאפ, דער טלית איז אים אויף די אקסלען, וואס עס איז א הלכה פסוקה, מען קען עס נאכקוקן אין משנה ברורה (ריש סימן ח׳), עס איז נישט קיין חסידות, ער ברענגט צו פונעם ב״ח, איך זאג זיין לשון, אז דאס צודעקן מיטן טלית אויפן קאפ, איז מכניע לב האדם, עס טוט מכניע זיין דעם מענטש, ומביאו ליראת שמים, און עס ברענגט אים צו יראת שמים. און דער לשון פונעם ב״ח איז דארט, שלא יהא רגע בגילוי הראש, מען זאל נישט שטיין א רגע מיט גילוי הראש, אויפגעדעקט דעם קאפ, כל זמן שהטלית עליו. ווען מען האט א טלית און מען דאווענט, דארף מען גיין מיטן טלית אויפן קאפ, נישט אויף די אקסלען. דאס איז דער צווייטער סימן ווי אזוי ער קוקט אויס אין בית המדרש, אז עפעס איז דא נישט אין ארדענונג, ער הייבט אהן צו פאלן פון וואס עס איז געווען. - מען דערקענט זיי מיט די שמאלע הויזן וואס איז איינגעריסן געווארן לעצטנס, מיט די שפיציגע שיך וואס מען גייט, ער שעמט זיך נישט צו גיין מיט א סמארטפאו״ן אפענערהייט פאר יעדן איינעם, און ער וויל נאך גאר ווייזן, איך בין א חסידישער יוד, א וואוילער מענטש, איך בין קאָהל, איך בין קאלט. וואו שטייט מען דארף זיין ווארעם, וואו שטייט אז מען דארף ברענען, מען קען זיין א יוד אזוי אויך. זיי ווייזן זייער קאלטקייט, דאס איז דער קליפה פון עמלק, אשר קרך בדרך, ער קילט אונז אפ. - און ער איז א געוואלדיגע סכנה פאר אונז אלע, ווייל ער קילט אפ אנדערע אויך. ווייל א קאלט שטיקל אייז, ווער עס רירט צו, צו דעם, ווערט אויך קאלט. דאס ברענגט אריין א קאלטקייט אין אונזערע קינדער. דאס איז ווען ער ווייזט עס ארויס, ווייסט מען באטש זיך צו היטן, און מען שטייט נישט אין זיין סביבה.

עס איז אבער דא אסאך, וואס מען דערקענט זיי נישט פון אינדרויסן, עס איז נישט ניכר מבחוץ, אינדרויסן ווייזן זיי א פנים אז זיי זענען אזוי ווי איינער פון אונז. אין חיצוניות טוט ער אלעס וואס מען דארף צו טוהן, דאס איז אבער אלעס נאר ביי אים מן השפה ולחוץ, עס איז אלעס נאר פון אינדרויסן. וואס ער טוט, טוט ער כמצות אנשים מלומדה, ער איז אזוי צוגעוואוינט, ער איז אזוי נתחנך געווארן. וואס זאל ער טוהן, ער איז דאך א יוד, און אז ער

איז א יוד, מוז ער דאך טוהן די מצוות פונעם אייבערשטען. ער איז דאך א מאמין אין שכר ועונש, ער גלייבט דאך אז מען וועט זיך אמאל אפרעכענען אויף וואס מען טוט, מוז ער עס טוהן, אבער עס פעלט אים דער התלהבות, דער ברען, וואס א יוד דארף האבן צו דברים שבקדושה, דאס איז ביי אים נישט דא. תוך תוכו איז ער פארלאשן, עס איז נישט דא אין אים קיין ווארעמקייט, קיין ברען, צו יודישקייט. די קיום המצוות ביי אים, איז נישט קיין זכיה, אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן א זכות אז ער קען משמש זיין דעם אייבערשטען, און טוהן דעם רצון פון זיין גוטן פריינד, אביו שבשמים, וואס גיט אים אלעס וואס ער האט אויף די וועלט. עס איז א עול על צווארו, הלואי וואלט ער געקענט פטור ווערן פון דעם עול. וואס זאל איך אבער טון, איך בין דאך א יוד, און איך מוז זיך האלטן צו מיין יודישקייט. אנשטאטס דעם וואס ער זאל שפירן דעם אמת׳דיגען הרגשה, רצה הקב״ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצות (מכות כג:), דער אייבערשטער האט געוואלט מזכה זיין יודען, האט ער זיי געגעבן תורה ומצוות. דער תכלית פונעם לעבן וואס א מענטש דרייט זיך ארום אויף די וועלט, איז נישט ער זאל קענען צוקומען צו גשמיות, נאר אז ער זאל קענען זוכה זיין צו חיי עולם. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), אונז דריי מיר זיך ארום דא אויף דער וועלט, נישט וועגן ׳דער׳ וועלט, אונז גרייט מיר זיך נאר דא צו, צו די ריכטיגע וועלט, צו אונזער ריכטיגן לעבן לחיי עולם הבא. די תרי״ג מצות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, זענען א מתנה טובה פארן מענטש, מער ווי א הויפן פון זילבער און גאלד, וואס איז פארגעגליך. און די מצות ה׳ וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז אונז מזכה מיט חיי עולם הבא.

**ביי זיי איז די מצות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, נישט קיין תרי״ג מצות וואס איז א זכיה צו האבן, דער באשעפער האט אים געגעבן תרי״ג פראבלעמען, ער האט זעקס הונדערט און דרייצן פראבלעמען ווי אזוי ער וועט קענען דורכפירן דעם טאג, און עס שטערט אים אין יעדן ריר וואס ער וויל טוהן, שטערט אים נעבעך די מצוות וואס דער באשעפער האט געגעבן. ער האט א וואנט פאר זיך וואס ער קען נישט אלעס טוהן, מען דארף זיך זוכן א וועג, ווי אזוי מען קען זיך מסתדר זיין מיט די פראבלעמען וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן מיט די תורה**, ער געפונט נישט קיין סיפוק און קיין חיות אין די מצות. וואס יא, זיין גאנצע מחשבה איז צו מאכן געלט, צו מאכן געשעפטן, מרבה זיין הון, זיך משתעשע זיין, קענען זיך אונטערהאלטן, זוכן תענוגים, וואו ער קען האבן עפעס א גוט פארברענגען, דאס איז זיין גאנצער ציל אינעם לעבן.

## עיקר השאיפה להרבות הון, ולהתענג בתענוגי עוה״ז

זיי לעבן א מגושם׳דיגן לעבן, טאג נאך טאג יאגט מען נאך, תאוות הגוף, צו פארברענגען די צייט וואס איז פריי. נאך תענוגים, נאך שעשועים, צו עס איז אין שטוב, צו אינדרויסן, מיט שוואכע חברים וואס זאלן קענען מיטהאצקענען צוזאמען מיט אים, דאס איז געווארן זייער לעבן. **די שבתים, די ימים טובים, איז געווארן ביי זיי א צייט פאר אויספלוגן, איבערצולאזן די שטוב, זוכן וואו מען קען גיין ערגעץ אויף א שבת. מען איז עס נאך מלביש אין עונג שבת, זוכן וואו קען מען ערגעץ אוועקפארן, וואו קען מען ערגעץ פארברענגען, וועלכע האטעל איז דא וואס אונז קען מיר גיין דארט, אמאל דא און אמאל ערגעץ אנדערש. עס איז אזוי ווייט, אז ווען עס קומען די הייליגע טעג, וואס יעדער יוד ווערט דאך אביסל ערנסטער, איז ביי זיי א פרעשור די הייליגע טעג וואס זענען דא אין שטאט, ער מוז טרעפן א פלאץ וואו ער קען ערגעץ אנטלויפן, זיך קענען אביסל אויסלופטערן, עס איז צו אנגעצויגן אין בית המדרש, וואו מען דארף זיין ערנסט א גאנצן טאג. ער זוכט א פלאץ וואו ער קען דאס גרינגער מאכן. - דאס איז א נייע קבוצה וואס איז נישט געווען ביי אונז. אמאל איז געווען ערליכע יודען, עס איז געווען פושעים, און שוואכערע יודען. אבער דער זאך, אז עס זאל קענען זיין, אז מען זאל אויסקוקען ווי יעדער איינער, און זיך נישט טוישן פון וואס ער איז געווען, און זיך ארומדרייען צווישן אונז, אבער זיין הארץ איז פארלאשן פון עבודת ה׳, און זיין גאנצער קאפ איז נאר נאכצוגיין נאך תענוגי עולם, דאס איז א נייער סוג וואס איז אריינגעקומען ביי אונז, וואס ליידער טוט דאס אראפברענגען די גוטע.**

## ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם

**די סיבה וואס האט צוגעברענגט דערצו, אז עס איז געווארן די ירידה, אז עס איז דא אזא מצב, איז ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם** (תהלים קו-לה). מען וואוינט צווישן

גוים, מען מישט זיך אויס מיט זיי, לערנט מען זיך אפ פון זייערע מעשים. מיר זענען שוין אין גלות צוויי טויזענט יאר צוזאמען מיט גוים. אבער אלץ איז געווען א מרחק צווישן א יוד און א גוי. מען איז געווען אפגעזונדערט איינער פונעם אנדערן. א יוד האט נישט געוואלט וויסן וואס עס טוט זיך ביי דעם גוי אין שטוב, און דער גוי האט נישט געוואלט האבן קיין שום התחברות צו א יוד. אזוי איז געווען ביז אמעריקא. וואו מען איז געווען, איז נישט געווען קיין קשר צווישן א יוד און א גוי, אדער ביסטו געווארן אויס יוד, דו האסט זיך גע'שמד'ט, האסטו געקענט אוועקגיין צום גוי. אבער צווישן אן ערליכער יוד מיט א גוי, איז געווען דער מרחק זייער ווייט צווישן זיי. מען האט נישט געוואלט וויסן וואס עס טוט זיך. און ווען א יוד איז געווארן ליידער אפגעפארן פונעם ריכטיגן וועג, האט אן ערליכער יוד נישט געהאט מיט אים קיין שום קשר, מען האט זיך אפגעזונדערט פון זיי. די נעאלאגען וואס איז געווען, זענען געווען אפגעזונדערט פון די ערליכע, במלוא מובן המלה! אן ערליכער יוד איז נישט אדורכגעגאנגען ביי זיין שטוב, נישט אדורכגעגאנגען ביי דעם בית המדרש וואו ער האט געדאווענט, ווייל עס איז נישט געווען קיין כשר'ע שול. אזוי האט אויסגעקוקט אמאל.

**היינטיגע צייטן, איז צובראכן געווארן די מחיצות וואס טיילט אפ צווישן א יוד און א גוי.** מען זיצט און מען רעדט מיט זיי, מען פארברענגט מיט זיי, אין די ארבעט, און וואו מען געפינט זיך. מען ליינט זייערע זאכן, מען קוקט אויף זייערע זאכן. דער גוי איז געווארן א סטייל, ער עפענט אלע זיינע פנימיות פאר יעדן איינעם, יעדער זאל קענען זעהן וואס טוט זיך ביי אים, פון איין שטוב ביז די לעצטע שטוב, אלעס איז אפען. און דאס קילט אפ אונזער קדושה, דאס קילט אפ די קדושה פון כלל ישראל, צוביסלעך ווערן אונזערע מוחות געטוישט, און עס קומט אריין דערין די טומאת מצרים, די טומאת הגוים וואס איז דא, און עס ווערט אויסגעלאשן דער פלאם פייער וואס איז דא אין א נשמה פון א יוד. - דאס איז אין כלליות.

## בכלי האינטערנעט נפרצו כל המחיצות בין ישראל לעמים

**פון ווען עס איז נתגלה געווארן די חכמת האינטערנעט, און עס איז איינגעריסן געווארן ליידער ביי אונז די סמארטפאונ"ס, וואס דורכדעם קען מען זייער גרינג צוקומען, הערן און זעהן, - וועלכע צייט ער וויל, וועלכע שעה ער וויל, - אלעס וואס דער גוי טוט, אלעס ווי אזוי דער גוי פירט זיך אויף. ער איז אפען, צו ליינען און צו זעהן, זייערע השקפות, ווי אזוי דער גוי טראכט, און וואס עס איז דער מיינונג פון דעם גוי, און פון יעדן קל וואס איז דא אינעם כלל ישראל, איז ער אפען דערצו. וואס אונז ווייס מיר, אז אלע שוואכע וואס איז דא ביי אונז, גייען ארויף אויף די וואט"ס-ע"פ, סטאטו"ס וכדו' - ווי אזוי מען זאל עס רופן - און עס איז א גיפט צו הערן זייערע ווערטער ווי אזוי זיי רעדן. זיי לאכן אפ פון די מצות פונעם אייבערשטען, נישט בפירוש, מען מאכט א דזשא"ק דערפון, מען מאכט א געלעכטער אויף א חשבון פון א מצוה, מען לאכט אפ פון א מנהג וואס איז דא ביי יודען, מען לאכט אפ פון חכמי ישראל, צוריקגעבליבענע מענטשן וכדומה, און דאס אלעס לאזט איבער א רושם אויף ווער עס איז צוגעבינדן דערצו.**

**עס** איז ליידער צובראכן געווארן אלע מחיצות וואס איז געווען אמאל אין כלל ישראל, און עס איז אפען און פריי. מה טובו אהליך יעקב (במדבר כד-ה), וואס בלעם הרשע האט גערומט יודען, ווי שיין עס זענען די געצעלטן פון יודישע שטובער, שאין פתחיהן שוות (בבא בתרא ס.), וואס די טירן זענען נישט איינס אקעגן דאס אנדערע. אונז קוק מיר נישט אריין וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, יודען לעבן מיט אן ערליכקייט, מיט א צניעות, מען וויל נישט וויסן וואס עס טוט זיך ביי יענעם. **עס איז געווארן א נייע וועלט, יעדע תנועה וואס מען טוט, אלעס איז פובלי"ק, אלעס גייט ארויף פונקטליך, וואו ער גייט, וואו ער שטייט, וואס ער טוט, וואס זיין ווייב טוט, וואס זיינע קינדער טוען, אלעס איז מען מגלה און מפרסם. ער שיקט עס גאר ארויס פאר זיינע ארומיגע, פאר זיינע חברים, וואו ער געפונט זיך יעצט, וואו ער אינדזשווי"ט זיך יעצט, וואס ער עסט, און מיט וועם ער זיצט צוזאמען בשעת ער עסט. און במשך הזמן ווערט מען מושפע פון זיי, און מען ווערט נאכגעצויגן נאך זיי, בקול ובמראה, פון וואס מען זעהט און פון וואס מען הערט, און עס איז געווארן א געוואלדיגע ירידה ביי אונז, אינעם עם ה', ביים כלל ישראל.**

## מכבה ההתלהבות דקדושה, ולקדש עצמך במותר לך

**די** ווארעמקייט, די התלהבות, וואס מען איז ערצויגן געווארן דערפון אין די יונגע יארן, צו וויסן אז דער

תכלית פונעם לעבן איז, זיך מדבק צו זיין אינעם אייבערשטען, און אין די מצות פונעם אייבערשטען. מקיים זיין שויתי ה' לנגדי תמיד (תהלים טז-ח), האבן שטענדיג דעם אייבערשטען פאר זיינע אויגן, מען זאל נישט מסיח דעת זיין פונעם אייבערשטען. קדושים תהיו כי קדוש אני (ויקרא יט-ב), **דער אייבערשטער זאגט פאר אונז, עטץ זאלטס זיין הייליג, קדש עצמך במותר לך, מען רעדט שוין נישט פון א זאך וואס איז אסור, מען רעדט פון וואס עס איז מותר, איז דא א מצוה פון קדושים, אז א יוד דארף זיך מקדש זיין דערויף, ער זאל נישט זיין קיין נבל ברשות התורה.** אלעס איז ברשות התורה, אלעס וואס ער טוט איז כשר, ער עסט נאר כשר'ס, ער פארברענגט נאר כשר'ס, און אלע תענוגים גייען אז מען זאל עס אויסשטעלן אויף א וועג אז מען זאל עס קענען כשר'ן. דער נבל ברשות התורה, וואס די תורה זאגט אז מען זאל נישט זיין, איז ליידער געווארן אפגעקילט!

**און** עס גייט אדורך א שטיק צייט, זעהט מען, אז מען איז געווארן א נייער מענטש, פון וואס מען איז געווען אין די יוגענט. ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט ווען ער איז ארויסגעקומען פון ישיבה, און ווי אזוי ער קוקט אויס א פאר יאר נאך די חתונה, איז א נייער סארט בריאה געבוירען געווארן דא, וואס עס איז נישט געווען פריער.

**און** דאס איז אפילו ביי אן ערליכער יונגערמאן, א ירא ה', וואס זוכט נישט נאכצוגיין נאך זיי, מען ווערט אבער מושפע, מען ווערט מגושם, פון אלע דברים של רשות, וואס איז דא, און וואס ער זעהט זיך אן ביי אנדערע, ווי אזוי מען פירט זיך. דאס איז שוין ווען ער איז ערליך. און כל שכן, א מענטש איז דאך נאר א מענטש, בשעת עס איז יצרו מתגבר עליו, ביי יעדן מענטש איז דאך דא זמנים וואס עס איז יצרו מתגבר עליו, און ער זעהט מער וויפיל ער וואלט געדארפט צו זעהן, הרהורי עבירה קשה מעבירה (יומא כט.), אין א קורצע צייט קען מען ווערן אן אנדערער סארט מענטש, פון וואס מען איז געווען פון פריער.

**יעקב** אבינו, פאר זיין הסתלקות, האט גערופן די קינדער, און ער האט זיי גזאגט, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א). יעקב אבינו האט דאך געזעהן וואס עס וועט זיך טוען באחרית הימים, ביז צום קץ, ווי רש"י ברענגט צו. האט ער מודיע געווען פאר די קינדער, את אשר יקרא אתכם, עס וועט אראפקומען א קאלטקייט! עס וועט זיין בדור האחרון, בעיקבתא דמשיחא, וועט זיין יקרא אתכם, עס וועט אראפקומען א קרירות, מען וועט ענק אפקילען. ער האט געזעהן מיט זיינע הייליגע אויגן, די נסיונות וואס אונז וועל מיר היינט האבן, אז עס וועלן זיין אזעלכע כלים וואס וועלן אונז אפקילען פון יודישקייט, כלים וואס טוט אפקילען די גאנצע מענטשהייט, מען איז געווארן אויס מענטש! אפילו דער גוי איז געווארן אן אנדערער סארט מענטש פון וואס ער איז געווען. און כל שכן ווי עס קילט אפ ישראל קדושים. האט ער זיי געהייסן, האספו! נעמטס ענק צוזאם, זייטס ענק מחזק, מונע צו זיין אז דער יקרא אתכם, זאל ענק נישט אנרירן, די קרירות זאל בלייבן אינדרויסן. עס זאל אונז נישט צוברענגען, אז אונז זאל מיר ווערן אפגעקילט פון אונזער יודישקייט.

---

## לא להחזיק סמארטפאון בכיסו וישתמש למסחרו רק ב'טעבלעט'

---

**וואס ווער עס איז יראת ה' בלבבו, ווער עס האט יראת שמים, דארף וויסן אז עס איז נישט דא קיין עצה, און עס איז נישט דא קיין תבונה, עס איז נישט דא קיין מציאות, אז מען זאל קענען בלייבן ערליך, ווען מען דרייט זיך ארום אין טאש מיט א סמארטפאון!** עס איז נישט קיין מציאות, ווען א מענטש איז צוגעבינדן דערצו, וואס זעהט שטענדיג וואס עס טוט זיך, - איך רעד פון ערליך, איך רעד נישט פון קיין איסור, איך רעד נישט יעצט פון א זאך וואס האט נישט קיין פילטער, איך רעדט יעצט פון א פשוטן ערליכן פילטער וואס ער האט אויף זיך. - אבער נאכצוגיין שטענדיג, און זעהן וואס טוט זיך ביי דעם גוי, וואס טוט זיך ביי זיין חבר, דאס פירט אראפ פונעם ריכטיגן וועג! **פייער און וואסער קען נישט גיין צוזאמען! די מים הזידונים וואס איז דא דערין, וועט אויסלעשן דעם פלאם פייער פון זיין נשמה, וואס ברענט אין אים!**

**דאס** איז אפילו עס זאל זיין א פלאם פייער, קען דאס וואסער אויסלעשן. און כל שכן ווען אונזער פייער איז ממילא שוואך, מען לעבט דאך אין א נידריגע וועלט, אונזער פייער צום אייבערשטען איז א שוואכער פייער. און דער וואסער וואס קומט דערויף, איז אסאך

שטערקער וויפיל אונזער פייער איז, וויפיל דארף מען אכטונג געבן דערויף.

**א מענטש זאל קוקן ערנסט, מיט א אמת'דיגקייט, זאל ער קוקן אויף זיך, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט זיין יראת ה' בעפאר ער האט געהאט א סמארטפאון. ווי אזוי האט ער זיך געפירט, בעפאר ער האט עס געהאט, ווי אזוי זיין טאג איז אדורך, ווי אזוי די וואך איז אדורך ביי אים. און ער זאל זיך מתבונן זיין וואו ער שטייט היינט, וועט ער זעהן אז עס איז דא א געוואלדיגער טויש אין זיין יודישקייט, פון וואס ער איז געווען אמאל, און דאס וואס ער איז היינט! – דאס איז ביז היינט. און ווען ער וועט אריינטראכטן נאך מער, ווי אזוי וועל איך אויסקוקן אין א יאר ארום, ווען איך וועל נאך א יאר צוגעבן דערצו, און זיך אזוי פירן, ווייסט מען נישט וואו מען וועט אנקומען.**

**עס** איז דא וואס דארפן עס האבן פאר פרנסה, מען האט נישט קיין ברירה. אבער **עס איז נישט דא קיין סיבה אז א מענטש זאל האבן פאר זיין פרנסה א סמארטפאון ביי זיך אין טאש שטענדיג וואו ער גייט! דו דארפסט עס נוצן, מען קען זיין ערליך און דאס נוצן, האב א טעבלע"ט, האב א כלי וואס מען נוצט נישט טאג-איין טאג-אויס, דאס איז נישט דיין געהעריגע טעלעפאון וואס דו האסט.** דו זאלסט האבן א טעבלע"ט פאר דיר, ווען דו דארפסט פאר דיינע געשעפטן, גיי ארויף, קוק נאך דיינע מעסידזשע"ס, קוק וואס דו דארפסט טון, און באשטעל וואס דו דארפסט צו באשטעלן. אבער זיך ארומדרייען א גאנצן טאג דערמיט, דאס וועט אראפפירן דעם מענטש פונעם ריכטיגן וועג.

## מידי יום מתרבה הציבור שמתנזרים מהשתמשות בכלים הללו

**ב"ה דער כלל ישראל שטייט אין די מלחמה פון סמארטפאון און אינטערנעט, אסאך שענער פון וואס מען איז געשטאנען מיט א פאר יאר צוריק.** ווען עס האט זיך אנגעהויבן, האבן מיר געמיינט אז עס איז א חורבן, מען וועט עס נישט קענען אדורכברעכן. אבער לא אלמן ישראל, פון טאג צו טאג ווערט גרעסער דער ציבור פון ערליכע יודען וואס טוען זיך אפשיידן דערפון. זיי האבן עס נישט, נאר ממש לצורך וואס זיי דארפן עס האבן. אבער מען דרייט זיך נישט ארום דערמיט, אז דאס איז זיין כלי וואס ער האט שטענדיג מיט זיך. **עס זענען שוין היינט דא טויזנטער יודען, וואס צווישן זיי איז דא גרויסע בעלי מסחר, וואס פירן געשעפטן פאר מיליאנען דאלערס, און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך אפגעשיידט דערפון!** זיי האבן געזעהן די חורבנות וואס דאס האט געברענגט ביי זיי. זיי האבן געזעהן די חורבנות וואס דאס האט געברענגט ביי אנדערע, האבן זיי זיך אפגעשיידט דערפון, זיי ווילן זיין ריין דערפון. און עס האט זיך געטוישט זייער לעבן, פון דעמאלטס אן שטייגן זיי אין עבודת ה'. טויזנטער שעות וואס איז אדורכגעגאנגען לבטלה, וואס איז אדורכגעגאנגען ליידיג פאר הבלי עולם הזה, ווערן אויסגעפילט דורך זיי פאר שעות פון תורה און תפלה און עבודת ה'.

*

## דרך ברייתו של אדם להיות נמשך כמנהג אנשי מדינתו

**די** תורה בעהט פון אונז (ויקרא כ-כו), והייתם לי קדושים, עטץ זאלטס זיין הייליג, כי קדוש אני ה', ווייל איך בין הייליג, ואבדיל אתכם מן העמים, איך וועל ענק אפשיידן פון די פעלקער, להיות לי, עטץ זאלטס זיין צו מיר. טייטשט רש"י, דער פשוטער פשט, דער אייבערשטער זאגט, אם אתם מובדלים מהם, ווילאנג עטץ וועטס זיך אפשיידן פון די גוים, הרי אתם שלי, וועט עטץ זיין מיינס, איך וועל זיך אומקוקן אויף ענק. ואם לאו, הרי אתם של נבוכדנצר וחבריו, וועט עטץ מוזן גיין אין גלות, ווי עס איז געווען, אז מען האט איבערגעלאזט ארץ ישראל, און מען איז געגאנגען צו נבוכדנצר וחבריו.

**דער** פשט דערפון איז, דער רמב"ם (הלכות דיעות ו-א) זאגט, דרך ברייתו של אדם, להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחביריו, דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין טבע, אז דער סדר פון א מענטש איז, אז ער ווערט נאכגעצויגן מיט זיינע דיעות און זיינע מעשים, לויט זיין חברותא, און זיינע חברים, מיט וועם ער דרייט זיך צוזאמען. ונוהג כמנהג אנשי מדינתו, און ער פירט זיך, אזוי ווי זיין מדינה פירט זיך. לפיכך, זאגט דער רמב"ם, צריך אדם להתחבר לצדיקים, דארף זיך א מענטש מתחבר זיין צו צדיקים, ולישב אצל החכמים תמיד, און זיצן שטענדיג נעבן חכמים, כדי שילמוד ממעשיהם, כדי ער זאל זיך אפלערנען פון זייערע

מעשים, ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחושך, און ער זאל זיך מתרחק זיין פון די רשעים, כדי שלא ילמוד ממעשיהם, מען זאל זיך נישט אראפלערנען פון זייערע מעשים. און דער רמב״ם זאגט ווייטער, א מדינה וואס מנהגותיה רעים, און מען גייט נישט אויפן ריכטיגן וועג, זאל ער איבערלאזן די מדינה, און גיין ערגעץ אנדערש. זאגט דער רמב״ם ווייטער, טאמער אלע מדינות פירן זיך אזוי, אזוי ווי בזמנינו, אין זיינע צייטן, ישב לבדו יחידי, זאל ער איבערלאזן און ער זאל גיין זיצן ענדערש אליינס, ישב בדד וידום. אויב ער קען דאס אויך נישט, יצא למערות ולחוחים ולמדבריות, זאל ער אלעס איבערלאזן, און אוועקגיין אין א מערה. א מענטש ווערט נגרר לויט זיינע חברים, א מענטש ווערט נגרר לויט די מקום וואו ער וואוינט. און לויט ווי אזוי מען פירט זיך אין די מדינה, ווערט ער נאכגעצויגן דערויף. און אז מען היט זיך נישט, אכט צו געבן, ווערט מען שפעטער נאכגעשלעפט נאך זיי.

**איך** האב אמאל געהערט פון מיין טאטע ז״ל, עס גייט שוין צוריק איבער א יובל יארן. ער האט געהאט א ברית ביים סאטמאר׳ער רב זי״ע אין בית המדרש, נאכן דאווענען, פלעגט זיך דער סאטמאר׳ער רב צוזעצן טרינקען לחיים, און אנוואונטשן. און אלץ פלעגט זיין א געוויסע שמועס, וואס איז ארויפגעקומען אויפן טיש, מיט די אלע וואס זענען געזעסן דארטן. איינמאל ווען ער איז אהיימגעקומען, האט מיין טאטע ז״ל פארציילט, איך בין געזעסן היינט ביי די סעודה, מיט דעם סאטמאר׳ער רב זי״ע, און ער האט דעמאלטס גערעדט אקעגן די ציונים, וואס האבן זיך משתלט געווען אויף ארץ ישראל. און ער האט געזאגט, אז די אלע וואס וואוינען אין ארץ ישראל, די וואס וואוינען דארט אונטער זייער ממשלה, ווערן נשפע פון די מדינה. זיי האבן א געוויסע השפעה פון די רשעים. האט מיין טאטע ז״ל מיר געזאגט, איך האב געזאגט פארן רבי׳ן, אז עס איז דא צווישן זיי אסאך קנאים, און ער האט אים דערמאנט א נאמען פון די גרעסטע קנאים וואס איז געווען דעמאלטס אין ארץ ישראל. ווי אזוי קען דער רבי זאגן, אז אלע זענען נתפס געווארן אין זייערע דיעות. זיי זענען דאך אויסערגעווענליכע קנאים, מקנא צו זיין קנאת ה׳.

**האט** דער סאטמאר׳ער רב זי״ע געזאגט, אז דער רמב״ם זאגט, אז עס איז דרך ברייתו של אדם להיות נמשך בדעותיו כמנהג אנשי מדינתו, איז עס נוגע פאר יעדן מענטש! עס איז דרכו של אדם! עס איז דרך ברייתו, עס איז בטבע אז א מענטש ווערט נשפע פון זיינע ארומיגע. נאר, רוב מענטשן וואס זענען דארט, ווערן ׳אינגאנצן׳ נתפס אין זייערע דיעות. און דער ערליכער, ווערט נאר נתפס ׳אביסל׳. אבער זאגן אז מען קען זיך אויסשאלטערן אינגאנצן, און נישט האבן קיין שום נגיעה פון דעם וואס מען געפונט זיך אין א סביבה, אזאנס איז חוץ לדרך הטבע. אפילו דער גרעסטער קנאי, האט ער געזאגט, עפעס א געוויסע השפעה האט עס אויף אים. - זעהט מען די געוואלדיגע כח און השפעה וואס איז דא, פון די ארומיגע ארום זיך.

**ווען** דער אייבערשטער בעהט פון אונז, והייתם לי קדושים, כי קדוש אני ה׳, אונז זאל מיר זיין הייליג. זאגט דער אייבערשטער, ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי, עטץ קענטס נישט זיין הייליג, נאר ווען עטץ וועטס זיין מובדלים מן העמים. ווען דו וועסט זיין אפגעזונדערט פונעם גוי, וועסטו זיין הייליג. מען קען זיך נישט מתחבר זיין און באהעפטן מיט זיי, און זיין ווייטער קדושים פארן אייבערשטען. ואם לאו, טאמער עטץ טוטס ענק נישט אפזונדערן פון זיי, דעמאלטס איז דער דרך ברייתו של אדם, אז מען ווערט נמשך נאך זיי. הרי אתם של נבוכדנצר וחבירו, עטץ וועטס אליין ווערן אזוי ווי נבוכדנצר וחבריו. עטץ וועטס אוועקפאלן פון ענקער ערליכקייט, ווען עס וועט פעלן די הבדלה וואס דארף זיין צווישן א יוד און א גוי.

## המסתובב תמיד עם סמארטפאון
## משתנה לאדם אחר בדיעותיו ובמעשיו

**און** מען זאל אריינטראכטן, אויב מען רעדט פון א מענטש וואס וואוינט אין א מדינה, זאגט דער רמב״ם, אז אויב די מדינה פירט זיך אזוי, און ער געפונט זיך צווישן חברים, וואס די חברים פירן זיך אזוי, זאגט מען, אז מען ווערט נשפע. אפילו דו זעהסט עס נישט שטענדיג, און דאס איז נישט פאר דיינע אויגן, וועסטו ווערן נאכגעצויגן דערויף. מען געפונט זיך נישט שטענדיג מיט די חברים, מען געפונט זיך נאר מזמן לזמן. און וויפיל חברים האט ער, צען, צוואנציג, וויפיל איז שוין די חברים פונעם מענטש ארום און ארום מיט וועם ער געפונט זיך, עס איז נאר א קליינער מספר. און פון דעסטוועגן דאך זאגט מען,

אז במשך הימים וועט דער מענטש נגרר ווערן נאך זיי. **כל שכן ווען א מענטש דרייט זיך מיט א כלי, וואס ער איז מקושר צו אלע גוים וואס איז דא אין די וועלט. ער איז מקושר מיט אלע קלים וריקים וואס געפונען זיך דא, וואס זיי זאגן זייערע דיעות, און זיי שעמען זיך נישט ארויסצוברענגען זייערע השקפות. און ער איז מחובר מיט דעם טאג און נאכט, ער זיצט אין שטוב אליינס, ער ליגט אין בעט, האט ער ביי זיך א פלאץ ווי ער איז אפען צו יעדן איינעם. מען ווערט נשפע! אומווילענדיג. ער וויל זיין א ערליכער יוד, ער וויל זיין וואויל, מען ווערט נשפע, צוביסלעך, צוביסלעך, טווישט זיך זיין השקפה, עס טווישט זיך זיין מיינונג. מען זעהט עס מיט די אייגענע אויגן, יעדער קען עס דערקענען אויף זיין שכן - ווייל אויף זיך דערקענט מען דאך נישט - אז דער וואס דרייט זיך ארום מיט א סמארטפאון, נאך א שטיק צייט איז ער אן אנדערער סארט מענטש, מיט זיינע דיעות, און זיינע מעשים, פון וואס ער איז געווען פריער.**

**זיין** התלהבות ביים דאווענען האט זיך שוין אפגעלאזט. ער ברענט שוין נישט ביי יעדע מצוה וואס ער טוט, דער פחד און דער יראת חטא איז געווארן ביי אים שוואך. אלעס וואס איז געווען ביי אים ביז יעצט קודש קדשים, איז שוין ביי אים היינט קדשים קלים. וואס עס איז געווען ביי אים קדשים קלים, איז היינט ביי אים חולין. עס האט זיך אויסגעליידיגט די פנימיות וואס איז דא, ער האט נישט קיין תוכן! און די חברים מיט וועם ער טוט פארברענגען צוזאמען, זענען שוין נישט די זעלבע חברים וואס ער האט געהאט ביז יעצט. און ל״ע אסאך און אסאך ווערן נשפע, און זענען ארויסגעגאנגען לתרבות רעה אינגאנצען, און איבערגעלאזט עול התורה און עול המצות.

*

## הבדלה גמורה בין ישראל לעמים

**אונז** זאג מיר ביי די ברכה פון הבדלה, המבדיל בין קודש לחול, בין אור לחושך, בין ישראל לעמים. מען רעכנט אויס דריי זאכן, דער אייבערשטער איז מבדיל צווישן קודש און חול, צווישן ליכטיגקייט און טינקעלקייט, און צווישן א יוד און די פעלקער. די הבדלה פון ישראל לעמים, איז אזוי ווי די הבדלה פון אור און חושך. ביי אור און חושך, איז דא פינסטער און עס איז דא לעכטיגקייט. יעדע ערבוביא וואס קומט זיך צוזאם אור מיט חושך, טוט איינס ווירקן אויפן צווייטן. ווען אין א פלאץ וואו עס איז טינקל, קומט אריין אביסל אור, האט עס אן השפעה, דער חושך איז געטווישט געווארן. ווען עס זאל זיין א פלאץ וואו עס זאל זיין אור, אזוי ווי אין מצרים, און עס איז אריינגעקומען חושך, ווערט געטווישט דער אור. אור און חושך איז נישט מעגליך, אז עס זאל קענען ביידע שטיין אויסגעמישטערהייט. איינס טוט טווישן דאס צווייטע.

**אזוי** איז המבדיל בין ישראל לעמים. **א יוד מיט א גוי קען נישט זיין צוזאמען, מען ווערט נשפע איינער פונעם צווייטן. אז עס איז נישט דא קיין ריכטיגע הבדלה, וואס טיילט אונז אפ פון דעם גוי. אפגעזונדערט זיין אינגאנצען, איך בין נישט אינטערעסירט וואס דער גוי טוט, איך וויל נישט וויסן און זעהן ווי אזוי ער פירט זיך אויף, איך וויל נישט הערן זיין דעה, איך וויל נישט הערן זיין השקפה.** אויב ער האט עס נישט, וועט ער ווערן אויסגעלאשן! ווייל אור מיט חושך גייט נישט אינאיינעם. אם אין אתם מובדלים מהם, אז מיר זענען נישט מובדל פון זיי, וועט דער סוף זיין, הרי אתם של נבוכדנצר וחבריו.

*

## אוזן ששמעה כי לי בני ישראל עבדים

**מען** געפונט אין די תורה ביי א עבד עברי, אז ווען דער עבד זאגט, אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני, לא אצא חפשי, זאל אים דער אדון טראגן אל האלהים, והגישו אל הדלת או אל המזוזה, ורצע אדוניו את אזנו במרצע, ועבדו לעולם (שמות כא-ה). די גמרא (קידושין כב:) זאגט, אז רבי יוחנן בן זכאי האט גע׳דרש׳נט דעם פסוק כמין חומר, מה נשתנה אוזן מכל אברים שבגוף, וואס איז דער אויער אנדערש, אז דער אויער האט מען געהייסן עס זאל ווערן נרצע. אמר הקב״ה, אוזן ששמעה קולי על הר סיני, די אויער וואס האט געהערט ביים בארג סיני, בשעה שאמרתי (ויקרא כה-נה) כי לי בני ישראל עבדים, יודען זענען מיינע קנעכט, ולא עבדים לעבדים. והלך זה וקנה אדון לעצמו, און ער האט זיך געקויפט א אדון, ירצע, זאל ער געבארט ווערן. אן עבד וואס פארקויפט זיך פאר א צווייטן, צו זיין משועבד פאר דעם אדון. וואס דער אדון וועט אים הייסן, וועט ער טון. ער האט אן אלהים אחרים אויף זיך (ירושלמי קידושין א-ב), ער איז שוין נישט קיין עבד נאמן פארן אייבערשטען. ווייל

ער האט נישט קיין פרייהייט, ער זאל קענען טון וואס ער וויל. ער איז משועבד פאר דעם אדון. - יעדער ווייסט די קשיא וואס מען פרעגט, וואלט מען דאך געדארפט בארן זיין אויער, בשעת ער האט זיך פארקויפט. דעמאלטס איז ער דאך עובר אויף כי לי בני ישראל עבדים, פארוואס בארט מען הערשט די אויער שפעטער, נאך זעקס יאר, ווען ער וויל נישט ארויסגיין, דעמאלטס קומט די מצוה פון ורצע אדוניו את אזנו.

**נאר** דער ענין דערפון איז, ווען א מענטש פארקויפט זיך פאר אן עבד, קען מען אים נישט באשולדיגן אויף וואס ער האט געטון. ער האט נישט קיין פרנסה, ער איז גע׳ענגט אין זיין פרנסה, די חובות וואס ער האט, איז אים אסאך. און ער האט נישט קיין וועג, ווי אזוי ער זאל עס קענען באצאלן. ער וועט זיך פארקויפן פאר אן עבד, ער וועט באקומען געלט, וועט ער זיך קענען מסדר זיין. מען קען אים נישט באשולדיגן אויף וואס ער טוט, ווייל עניות מעבירת על דעת קונו (עירובין מא:), מען האט נישט קיין ברירה אסאך מאל, און וועגן דוחק פון פרנסה האט ער דאס געטון. ער איז דאך אבער אן ערליכער, ער טראכט אבער, מיר וועט עס נישט שאדן. איך קען זיין אן עבד, און איך וועל בלייבן אן ערליכער יוד ווייטער אויך. ער וועט נישט נשפע ווערן פון דעם עבדות וואס ער איז מקבל אויף זיך, אז דאס וועט אפשוואכן זיין עבודת ה׳ וואס ער האט געהאט ביז יעצט. אזוי טראכט ער ביי זיך. האט די תורה נישט מחייב געווען, אז מען זאל רוצע זיין דעם אוזן פון דעם עבד, ער איז נעבעך אומשולדיג. ער מיינט גוט, ער וויל זיך פארגרינגערן זיין פרנסה. ער טראכט אז ער וועט זיך פירן ווייטער ערליך, ער האט א תירוץ אויף וואס ער טוט.

**עס** גייט אבער אדורך זעקס יאר, און ער זעהט שוין די השפעה, וואס דער עול בשר ודם האט געהאט אויף אים, ער דערקענט אז ער איז שוין אנדערש געווארן פון וואס ער איז געווען אן עובד ה׳ פאר דעם, וואס ער איז מושפע געווארן פון זיין סביבה, צו זיין צוזאמען מיט עבדים ושפחות ביי דעם אדון. און פון דעסטוועגן דאך וויל ער ממשיך זיין, זיין הנהגה ווייטער. עבר ושנה נעשית לו כהיתר (קידושין מ.), ער וויל ווייטער גיין אויף דער וועג. איך בין שוין צו געטריי דערצו, אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני, לא אצא חפשי, עס איז מיר שוין גוט אזוי ווי עס איז. יעצט זאגט די תורה, יעצט געב אים א עונש, באר אים זיין אויער. אזן ששמעה על הר סיני, דו האסט געהערט אויף הר סיני, כי לי בני ישראל עבדים. איך האב דיר טאקע נישט געגעבן קיין עונש ווען דו האסט זיך פארקויפט די ערשטע מאל, ווייל דו האסט דיך איינגערעדט דעמאלטס, אז דיר וועט עס נישט שאטן. דו האלסט שוין זעקס יאר שפעטער, און דו זעהסט וואס עס איז געווארן פון דיר, און יעצט קענסטו נאך אלץ זאגן, אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני, איך גיי נישט ארויס. ורצע אדוניו את אזנו במרצע, יעצט זאל מען אים בארען דעם אויער.

## עיקר התביעה על האדם, כשרואה הירידה בהתנהגותו וממשיך בדרכו להלאה

**לענינינו**, עס קען זיין מענטשן וואס האבן זיך באנוצט מיט די כלים, מען האט עס אריינגעברענגט אין שטוב, מען האט געטראכט, אז מען טוט נישט קיין עוולה מיט וואס מען האט געטון. ער וועט נישט נשפע ווערן פון דעם פסולת וואס איז דא דערויף. ער איז טאקע קונה אדון לעצמו, ער האט זיך געקויפט א נייע אדון, ווייל דאס איז א כלי וואס ער איז אדוק, מער וויפיל א עבד איז אדוק צו זיין אדון, וברבות הימים ווערט די כלי זיין אדון, עס ווערט זיין הער, במלוא מובן המלה. **די גויאיש׳ע וועלט ווייסט צו זאגן היינט, אז רוב רובם פון מענטשן וואס האבן די כלים ביי זיך, א פאר שעה וואס ער האט עס נישט, ווערט ער גערירט פונעם שכל! ער קען נישט זיין רואיג, וואו איז עס, ער קען נישט לעבן אן דעם. און כל שכן ווען עס גייט אדורך א טאג און צוויי טעג, קען ער נישט אויסהאלטן אן דעם, ער ווערט איבערגענומען דערפון אינגאנצען.** - אבער א מענטש טראכט דאך אזוי, מיר וועט עס נישט שאטן, איך וועל בלייבן אן ערליכער יוד אזוי ווי עס איז. און מען קען נישט האבן אפשר קיין תביעה בשעת עס איז אריינגעקומען ביי אים אין טאש אריין.

**אבער די תביעה איז, עס איז שוין אדורך א פאר יאר וואס דו האסט עס, עס איז שוין אדורך א צייט וואס דו האסט עס, קוק צוריק אויף דיין ירידה וואס דו האסט געהאט זייט דעמאלטס, קוק ווי אזוי דו האסט דיך געטווישט. ווי אזוי דו ביסט געווען ווען דו ביסט ארויסגעקומען אלץ בחור פון די ישיבה, און ווי אזוי דו ביסט יעצט. ווי אזוי דו ביסט געווארן אנדערש פון דיינע יונגע יארן וואס דו**

**האסט געהאט, ווי אזוי עס האט זיך אויסגעלאשן דיין התלהבות און דיין תשוקה צו עבודת ה׳. דו זעהסט דאך שוין יעצט די מכשולות, דו ווייסט וואס עס האט אלץ אנגעווערטשאפט ביי דיר, דו ווייסט וואס פאר א ירידות דו האסט געהאט, און פון דעסטוועגן דאך ביסטו ווייטער ממשיך?! דו שטעלסט דיך נישט אפ און זאגן, איך גיי נישט ווייטער! דו ביסט דיך נישט מתבונן אז עס איז שוין גענוג דער שאדן וואס עס האט געמאכט אויף דיר.** איך בין שוין נישט דער זעלבער, איך גיי נישט טוישן די אהבה פונעם אייבערשטען, וועגן די אהבה גשמיות פון הבלי עולם הזה. - דא איז דא א תביעה אויפן מענטש. אוזן זו ששמעה כי לי בני ישראל עבדים, אונזערע אויערן האבן געהערט פונעם אייבערשטען, כי לי בני ישראל עבדים, אונז דארף מיר זיין עבדים פארן אייבערשטען. און קנה אדון לעצמו, דו קויפסט דיר אן אנדערן אדון? דו ווייסט שוין די צרות און די פראבלעמען וואס עס האט געברענגט אויף דיר, ווי אזוי עס האט דיך געטוישט און אראפגעפירט פונעם וועג, און פון דעסטוועגן דאך ביסטו נישט משים על הלב זיך צו טוישן.

*

## השחתת האדם נוגע לזרעו, שמגדל דור עקש ופתלתול

**איך** וועל אבער גיין אביסעלע ווייטער. דאס איז אלץ ווען מען וואלט גערעדט, ווען עס וואלט נוגע געווען נאר פאר זיך אליין, בינו לבין קונו. ווען דער מענטש הייבט אבער אן צו טראכטן אביסל וועגן זיינע קינדער. **אונז האב מיר אלע יונגע קינדער, זוהן און טעכטער, וואס די נסיונות ביי זיי אין די כלים פון אינטערנעט, איז איום ונורא! וואס זיי וועלן זיך דארפן פארמעסטן ברבות הימים מיט דעם אינטערנעט. זיי זענען היינט יונגע קינדער, ער וועט הערשט בר מצוה ווערן אין צען יאר ארום, חתונה האבן וועט ער אין שנת ת״ת. וויפיל וועלן זיך נאך טוישן די כלים ביז דעמאלטס, וואס מען וועט אפילו נישט קענען זיך אן עצה געבן, בדרך הטבע, ה׳ ירחם, דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז.**

**די** קינדער, דאס איז דיין טייערסטע פארמעגן וואס דו פארמאגסט! עס איז נישט דא פאר א מענטש חשוב׳ערס פון זיינע קינדער. דו היטסט אויף דיינע קינדער כבבת עינך, עס זאל זיי נישט פעלן קיין פינטעלע וואס ער דארף צו האבן. **ווי אזוי קען מען זיין אזוי בלינד, נישט צו זיין הרואה את הנולד, די תוצאות וואס דו טוסט אן פאר דיינע קינדער. די תוצאות וואס וועט ארויסקומען, פון א קינד וואס איז מחונך געווארן אין א שטוב, וואס ער זעהט ווי די עלטערן זענען פארנומען שטענדיג מיט זייער סמארטפאון. ווי אזוי וועט אויסוואקסן א קינד פון אזא שטוב? ווי אזוי וועט ער זיך א עצה געבן אין צען יאר ארום, און כל שכן אין צוואנציג יאר ארום? מה יעשה הבן שלא יחטא, וואס קען מען שוין ערווארטן פון די קינדער.**

**און** ווער איז שולדיג דערויף? דער טאטע! דער וואס גיט זיך אפ פאר זיין קינד, ער איז זיך מוסר נפש פאר אים. דו האסט אים אריינגעפירט דערצו, ביי דיר האט ער זיך געלערנט אז מען קען זיין אזוי אויך. - די תורה (דברים לב-ה) זאגט, שחת לו לא בניו מומם, דור עקש ופתלתל. זאגט די תורה, א מענטש דארף זיך מתבונן זיין, ׳שחת׳, ווען ער טוט א זאך וואס איז נישט ריכטיג, אן השחתה, ׳לא לו׳, איז עס נישט א זאך וואס איז נוגע נאר פאר אים אליין, ׳בניו מומם׳, **ער מאכט זיינע קינדער פאר בעלי מומים. ער מאכט זיינע קינדער זאלן ווערן אנדערש פון וואס זיי האבן געדארפט צו זיין. דור עקש ופתלתל, און ער ציהט נאכדעם אויף, א פארקרומטע דור.**

**די** עלטערן, וואס זיי האבן עס נישט געזעהן ביי זייערע טאטעס, זיי האבן נישט געזעהן ביי זייערע זיידעס, אז זיי זאלן עס האבן, און פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געפאלן, און געטוישט פון וואס זיי האבן געזעהן ביי זייערע עלטערן, און זיי דרייען זיך ארום, און באנוצן זיך מיט אזעלבע כלים, און זיי האבן נישט געהאט קיין כח עומד צו זיין בנסיון, וואס ער האט עס נישט געזעהן ביי זיין טאטען. ווי קען ער ערווארטן, אז זיינע קינדער, וואס זענען ערצויגן געווארן ביי אים אינדערהיים, וואס זיי האבן עס יא געזעהן אין שטוב, אז דאס איז א חלק פון די פורניטשע״ר פון דעם שטוב. עס איז דא לעקטער, עס איז דא א פרידזשידע״ר, עס איז דא א געז-רענט״ש, עס איז דא א טעלעפאו״ן, און עס איז דא א סמארטפאו״ן, דאס איז א חלק פון וואס עס קומט אריין אין א שטוב פון א מענטש. ווי אזוי קען ער ערווארטן, אז זיינע קינדער שפעטער זאלן זיין ערליך!

**איך שטיי אסאך מאל און איך שטוין ממש, פון מענטשן וואס איך זעה אז זיי נעמען ארויס א סמארטפאון. א**

**יונגערמאן וואס האט א שטוב מיט קינדער, און ער טראכט נישט וואס וועט זיין פון זיינע דורות? ווען די קינדער זעהן עס ביי דיר. עס איז ביי זיי א היתר גמור, אז זיי קענען עס טון, ווייל דו גייסט אזוי ארום דערמיט. די דורות ווערן דאך ערגער, שוואכער און שוואכער.**

**פארקערט, אז מען ווערט נתחנך אין א שטוב ווי ער זעהט ביי די עלטערן, אז מען האט מדקדק געווען, מען האט עס נישט אריינגעברענגט אין שטוב, און טאמער מען האט זיך געדארפט באנוצן מיט דעם, האט מען זיך באנוצט מיט א טעבלע"ט צו וואס מען האט געדארפט האבן, מען איז געגאנגען אין א קיאס"ק אז מען האט געדארפט עפעס האבן, דאס ווערט אריינגעקריצט אין די הערצער פון די קינדער, עס ליגט אין זייערע ביינער, אז א יודישע שטוב דארף דאס נישט האבן, נאר ווען ער דארף עס האבן פאר א געוויסען צוועק, און זיי זאלן זיין אפגעהיטן שפעטער.**

*

## הנסיונות לבני הנוער עצומים מאוד

**מענין** לענין באותו ענין. מען האט פריער גערעדט פון די אומגליקן וואס איז געווען ביים כלל ישראל פארגאנגענעם יאר. מער פון דרייסיג בחורים און קינדער, האבן פארלוירן זייער לעבן פון איין רגע אויף די אנדערע רגע! דאס שרייט עפעס, עס זאגט אונז עפעס. דער אייבערשטער טוט נישט קיין זאך, נאר אז מען דארף זיך עפעס לערנען דערפון. דער אייבערשטער האט אונז געוויזן, עס ליגט עפעס דא וואס אונז דארפן מיר זיך זארגן פאר אונזערע בחורים, פאר אונזערע קינדער, דארט ליגט א חורבן וואס מען גיט זיך נישט אכט.

**די** נסיונות היינט פאר די יונגווארג איז איסערגעווענליך גרויס! אסאך זאכן האבן זיך געטוישט, פון וואס עס איז געווען אמאל. אסאך זאכן צו גוטן'ס, עס איז נישט דא ב"ה אין היינטיגע צייטן, ביי אונזער ציבור, נסיונות וועגן עסן כשרות, ווייל ב"ה מען קען באקומען א גאנצע סופערמארקעט צו עסן, פון וואס פארא מין ער וויל, וועט ער באקומען מיט א כשר'ע הכשר. ער האט נישט קיין שום נסיון ער זאל דארפן עסן טריפות. וואו ער וועט פארן, אין וועלכן עק וועלט, וועט ער קענען באקומען צו עסן כשר'ס, ב"ה. - ער האט נישט קיין נסיון פון חילול שבת. אז מען וועט אים אויפזאגן דעם דזשאב, אויב ער וועט נישט אריינקומען שבת צו די ארבעט. - ער האט אפילו נישט קיין נסיון פון השכלה, וואס האט אמאל אראפגעברענגט דעם גאנצן כלל ישראל. מען לאזט יעדן גיין און טון וואס ער וויל, מען פארלייגט זיך נישט אויף אים, ווי אמאל וואס מען האט אונטערגעשטופט א ביכל פאר יענעם, וכדומה.

**וואס** איז יא די נסיונות היינט? אונזערע נסיונות איז, ליידיגקייט פון יודישקייט! עס איז דא א ליידיגקייט, עס פעלט אונז צו פארשטיין וואס א יוד איז. **מען ליגט אין גשמיות, מען ליגט אין באקוועמליכקייט, דאס איז די גאנצע לעבן. מען וויל האבן אלעס וואס א גוי דארף האבן, וואס א גוי האט, זאל זיין ביי אים אויך. ער זאל זיך קענען ממלא זיין, זיין תאות הגוף. עסן, טרינקען, נאכגיין נאך תענוגים, בהיתר ובאיסור. מאכן אסאך געלט, מאכן געשעפטן, כדי ער זאל קענען צוקומען, צו וואס? ער זאל קענען האבן א גוד-טיים נאכדעם. ער זאל קענען נאכדעם לעבן, גיין, פארן, קומען. ער זאל האבן די מעגליכקייט צוצוקומען דערצו.**

**איז** ממילא, עבודת ה', זיך אריינלייגן אין תורה, אין תפלה, איז געווארן א טפל. ער טוט עס נאר אלץ הכרח, איך בין דאך א יוד, מוז איך עס טון. **הבלי עולם הזה איז געווארן דער הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז אונזער לעבן, דאס איז אונזער ציל צו וואס אונז וויל מיר צוקומען. עס איז אוועקגענומען געווארן די השקפה, צו געדענקן דעם תכלית פארוואס אונז לעב מיר אויף די וועלט. אז די וועלט איז נאר א פרוזדור לטרקלין, זיך צוצוגרייטן צידה לדרך, אויפן עולם שכולו טוב.**

**דאס** איז זאכן וואס א פשוטער יוד אינדערהיים, האט געוויסט. אן עם הארץ וואס האט גארנישט געלערנט, אבער דאס האט ער געוואוסט, איך בין א יוד, און אלעס דארף איך טון פאר מיין יודישקייט, און מיין גאנצער תכלית פון לעבן, איז נאר צו טון מצוות ומעשים טובים. דאס איז געווען א דבר פשוט ביי דעם פשוט'סטן יוד וואס איז געווען אין כלל ישראל.

**דאס איז די נסיונות פון אונזערע קינדער! דער ווארימקייט וואס מען דארף האבן צו יודישקייט,** מען זאל נישט

נאכגיין נאך הבלי עולם הזה, וואס מען זעהט ליידער, אז אין דעם איז מען געזינקען, מען איז מגושם, דאס איז די שווריקייט, אז אונז זאל מיר קענען היינט אריינלייגן א ווארימקייט אין אונזערע קינדער צו עבודת ה׳.

## החינוך החלושה שמקבלים בני הנוער בזמנינו

**ליידער** דער חינוך וואס אונז געב מיר פאר אונזערע קינדער, איז ליידער אסאך שוואכער פון וואס מען האט אמאל געגעבן פאר קינדער. זיי זענען נישט גענוג אויפגעבויט מיט א שטארקייט און א חיזוק נישט נמשך צו ווערן נאך די גאס. עס פעלט די גאוה דקדושה, א שטאלצקייט צו זיין אן ערליכער יוד, ויגבה לבו בדרכי ה׳, זיך האלטן שטאלץ, ארויסשטיין פון אנדערע, איך שעם מיך נישט צו זיין אנדערש פון א צווייטן, איך בין אנדערש פון א צווייטן, ווייל איך וויל זיין ערליך!

**וועגן** סיבות שונות, האבן אסאך עלטערן אראפגעווארפן פון זיך דעם חובת החינוך צו געבן פאר זייערע קינדער. אנפולן זייערע קינדער פון די יוגענט אן, מיט אמונה, בטחון, חיזוק אין שמירת התורה ומצוותיה. זייער ווייניג ווערט דאס גערעדט צווישן עלטערן מיט די קינדער. מען רעדט נישט מיט קינדער פון די זאכן, נאר אויפן שפיץ גאפל. **א מענטש זאל טראכטן ביי זיך, וויפיל צייט האב איך די וואך אוועקגעבן פאר מיינע קינדער, זיי צו לערנען תורה ומצוות? וויפיל מינוטן קען ער ציילן, וואס ער האט אראפגעגעבן פאר זיין קינד, צו האלטן מיט אים א שמועס אויף חיזוק אין אמונה, בטחון, און עבודת ה׳.**

**וואס** ער טוט יא. שבת פארהערט ער זיין קינד, די פאר מינוט וואס ער פארהערט אים, וואס מען האט געלערנט אין חדר. און אמאל לערנט ער צו עפעס א געוויסע שיעור וואס מען דארף לערנען. לערנען, יא. אבער רעדן און שמועסן פון תורה און עבודת ה׳, אריינברענגען יראת ה׳ אין די קינדער, פארציילן סיפורי צדיקים ווי אזוי ערליכע יודען האבן זיך געפירט, דאס האט מען אראפגעווארפן פון זיך, דאס באלאנגט פאר די תלמוד תורה, איך שיק מיין קינד אין חדר, איך צאל טייער מלומדת, זיי זאלן אריינלייגן ערליכקייט, יראת ה׳, אין מיינע קינדער, זיי וועלן מחנך זיין מיינע קינדער.

**די** תלמוד תורה ווייטער זאגט, מיר זענען געשטעלט אויף לערנען מיט די קינדער תורה. אונז דארף מיר זיי אויסלערנען מקרא, משנה, גמרא. מען דארף מסביר זיין פאר א קינד ער זאל קענען אפלערנען א פסוק חומש, ער זאל קענען אפלערנען א שורה גמרא. עס בלייבט נישט קיין צייט אז מען זאל קענען אריינגעבן השקפות התורה אין זיי, אנפילען די קינדער פשוט מיט יראת ה׳, מורא האבן פאר אן עבירה. - און ער בלייבט קרח מכאן וקרח מכאן.

**אמאליגע** עלטערן אינדערהיים, האבן געהאט צייט פאר די קינדער, און מען האט געהאט א אוצר פון יראת שמים, וואס דער טאטע האט אריינגעלייגט אין שטוב. און מען איז געגאנגען אין חדר צו לערנען תורה, איז ער אנגעפולט געווארן פון ביידע. עלטערן היינט האבן נישט קיין צייט, און זיי געבן עס נישט. די תלמוד תורה קוקט נאר, ער זאל שטייגן אין תורה, לערנען מער און נאך מער. און דאס קינד בלייבט ארויס, און ער גייט ארויס אן די שטארקייט וואס א יוד דארף צו האבן.

## הישיבות אין רואים בתפקידם להשפיע התלהבות והשקפת החיים לבחורים

**ווען** ער ווערט עלטער, און ער גייט ארויס פון די תלמוד תורה, ער קומט אין ישיבה. ב״ה די ישיבות פאר בחורים וואס לערנען תורה, אשרי חלקם, זיי טוען אויף גדולות ונצורות, מגדל צו זיין דעם נייעם דור מיט תורה, די בחורים זאלן שטייגן אין די ישיבות וואס מען לערנט. אבער דער עיקר איז געשטעלט אויף איין זאך, לימוד התורה, אויף דעם איז געשטעלט די ישיבה. מרבה צו זיין בכמות ובאיכות, לערנען טיפער, לערנען מער, לערנען אסאך, מחדד צו זיין די מח פון די תלמידים אינעם לערנען. **עס איז אבער נישט אוועקגעשטעלט אויפצושטעלן א בחור, אז ווען ער וועט ארויסגיין, זאל ער זיין א ערליכער יוד פארן אייבערשטן, אז די הארץ זאל אים ברענען פאר א מצוה! זיין דאווענען זאל זיין ווי א יוד דארף צו דאווענען! מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין! אריינצולייגן אז מען דארף לעבן מיט מסירת נפש אויף יעדע נקודה פון יודישקייט, דאס פעלט. – און די ישיבות באטראכטן אפילו נישט, אז עס איז זייער תפקיד, אז זיי דארפן דאס אהערשטעלן פאר דעם בחור.**

**אמאליגע** צייטן, בימי קדם, איז אין יעדע ישיבה געווען א מרביץ תורה פאר די תלמידים. עס איז געווען דער רב,

דער ראש ישיבה, צו א משגיח, וואס איז געווען א גדול בתורה, א גדול ביראה, גדול בצדקות, וואס זיין אנוועזנהייט האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויף די תלמידים. און ער האט אויפגעהויבן די תלמידים, צו א געוואלדיגע מדריגה. מען האט געשטרעבט, הלוואי זאל איך זיין אזוי ווי מיין רבי, איך זאל אויך אויסוואקסן אזא תלמיד חכם, איך זאל אויך זיין אזוי ערליך. מען זעהט עס ביי אלע פריערדיגע, בעלי בתים, ווי אזוי זיי זעהן אויס, אלץ רעדן זיי נאר דאס, וואס זיי האבן געזעהן ביי זייער רבי. - און ליידער, דאס איז אויך נישט דא. מהיכן ירק זה חי, פון וואו וואקסן אויף אונזערע קינדער? ביים טאטען באקומט ער עס נישט. אין חדר באקומט ער עס נישט. אין ישיבה באקומט ער עס נישט. וואו אזוי גייט ער ארויס, און ער וואקסט אויף א יוד, וואס זאל ברענען פאר תורה.

**אוודאי**, עס איז דא אסאך בחורים וואס זענען עובדי ה׳ באמת, פון אייגענע כוחות, פון די חינוך פון די שטובער, וואס זיי נעמען זייער צייט, און זיי זענען עוסק אין ספרי מוסר, אין ספרי חסידות, זיי זאלן שטייגן. אבער א גרויס חלק איז דא, וואס עס פעלט פון זיי. **מען זעהט ווי אזוי צענדליגער און הונדערטער יונגעלייט וואקסן אויף ליידיג, אן קיין שום פנימיות, זיי זענען נישט מכיר זייער תפקיד אין זייער לעבן. פארוואס זיי לעבן, וואס איז חובת האדם בעולמו, פארוואס ביסטו דא, וואס דארפסטו אויפטון אויף די וועלט. זיי גייען ארויס פון די ישיבות, בני תורה, אויסגעוואקסן תלמידי חכמים, אבער ליידיג פון יודישקייט! די חלק היודישקייט וואס א יוד דארף האבן, א ברען צו תורה ומצוות, איז ליידער פארלאשן, און מען באקומט עס נישט.**

## כל שחכמתו מרובה ממעשיו, רוח בא ועוקרתו

**די** משנה (אבות ג-יז) זאגט, כל שחכמתו מרובה ממעשיו, למה הוא דומה, לאילן שענפיו מרובין ושרשיו מעוטין. אמאל איז דא א בוים, וואס האט א קליינעם שורש, עס האט טאקע זייער אסאך צווייגן, אבער דער שורש, דער פונדעמענט דערפון, איז שוואך. וואס געשעהנט, רוח בא ועוקרתו והופכתו על פניו, עס קומט א רוח ועוקרתו. פארקערט, אמאל איז דא א אילן וואס ענפיו מעוטין, ער האט ווייניג צווייגן, אבער שרשיו מרובין, זיין שורש איז אויפגעבויט, זיין שורש איז אסאך, אז כל רוחות שבעולם באות ונושבות בו, אין מזיזין אותו ממקומו. דאס פעלט ביי אונז! אז דער שורש זאל זיין אזוי פעסט ביי אונז, אז ווען עס קומט א רוח, זאל עס נישט קענען אוועקרוקן דעם מענטש פון וואו ער איז. דאס איז נישט דא. **ווען די יונגע יארן זענען נישט אויסגעפולט מיט יראת חטא, מיט א ריכטיגע השקפה, אז עס זאל זיין אריינגעבאקן אין זיין נפש, מסירת נפש פאר תורה ומצות. קומט נאכדעם די ווינט פון די גאס, נישט נאר א רוח שאינה מצויה, נאר אפילו א רוח מצויה איז אים עוקר, און כל שכן ווען עס קומט א רוח שאינה מצויה.**

## אברכים היוצאים מהישיבות אינם יודעים עיקרי ההלכות

**וויפיל** בחורים איז דא היינט, וואס גייען ארויס פון ישיבה, ער ווייסט נישט די פשוטע הלכות ווי אזוי א יוד דארף צו זיין. הלכות קריאת שמע ותפלה, ער האט קיינמאל נישט אנגעקוקט קיין שלחן ערוך, א משנה ברורה, וויסן די הלכות פון קריאת שמע, די הלכות פון תפלה וואס ער דאווענט יעדן טאג, דריי מאל אין טאג. א שבת א יום טוב, וויסן די הלכות פון שבת, די הלכות פון יום טוב. עס קומט א פסח, וויסן וואס די הלכות פון פסח זענען. וואס מיינט באקוקן און איינצוקויפן ד׳ מינים, אן אתרוג און אזוי ווייטער, וויסן די הלכות פון איסור והיתר, פון בשר בחלב, עס מאכט זיך עפעס אין א יודישע שטוב, אין דער קאך, וויסן וואס מען מעג, וואס מען טאר נישט. דיני יחוד וואס איז נוגע טאג טעגליך. מען לערנט טאקע פון צופרי ביז ביינאכט גמרא תוספות, נאך א מסכתא נאך א מסכתא און געענדיגט, אבער פון וואו זאל מען וויסן קיום מצות ה׳. **דו האסט חתונה, דו גייסט ארויס פון די ישיבה, און דו גייסט א טאג נאכדעם ארבעטן, צו א יאר נאכדעם ארבעטן, צו דריי יאר נאכדעם ארבעטן, פון וואו וועסטו וויסן ווי אזוי צו זיין א יוד? ווען דו וועסט זיין אין דזשאב? דעמאלטס וועסטו לערנען וואס די מצוות פונעם אייבערשטען זענען?! וואס דאס איז דאך דער תפקיד פון א יוד אויף די וועלט, מקיים צו זיין די מצוות פונעם אייבערשטען.**

**אין** א געוויסן זין איז ביי די טעכטער אין די סקולס דער מצב אסאך בעסער. זיי האבן סדרי לימוד, מען לערנט הלכה, השקפה, זיי וויסן עיקרי הלכות שבת, יעדעס מיידל וואס גייט ארויס פון א שולע היינט, ווייסט וואס איז א כלי ראשון, ווייסט וואס איז א כלי שני, ווייסט

וואס איז שהיה, און ווייסט וואס איז הטמנה, וואס איז בורר. זיי האב שיעורים קבועים שטענדיג אויף השקפה, ווי אזוי א יודישע טאכטער דארף זיין בנאמנות פארן אייבערשטען. **און נאך די חתונה ווייסן זיי אסאך מאל מער וויפיל זייערע מענער קענען. זיי ווייסן מער יודישקייט וויפיל דער מאן ווייסט, דער מאן איז אסאך מאל אן עם הארץ אקעגן איר, מען זאל וויסן וואס מען מעג טון און וואס נישט.**

## חובת ההורים והישיבות בחינוך בני הנעורים

**עס** ליגט אויף עלטערן צו געבן מער צייט אויף חינוך פון זייערע קינדער. זיך נישט פארלאזן אינגאנצן אויף די בתי חינוך. יא, דארט זאלן זיי לערנען, וואקסן גרויס אין תורה, **אבער די אהבת ה', יראת ה', מורא האבן פאר אן עבירה, ליב האבן דעם אייבערשטען, יראת חטא, דאס דארפסטו געבן פאר דיין קינד.** עס ליגט אויף דיר אריינצובאקן מידות טובות אין די קינדער, ספי ליה כתורא (כתובות נ.), אנפולען די קינדער מיט יודישקייט. יעדע צייט און זמן וואס ער שפירט אז עס איז מוכשר דערצו, זאל ער אויסנוצען פאר דעם.

**און** מנהלי ישיבות וואס פירן ישיבות, איז מן הראוי, מען מעג זיך צוזאם קומען, מטכס עצה צו זיין, נישט נאר אריפצוברענגען דעם אופן הלימוד בעיון ובפלפול, נאך טיפער לערנען, נאך א חידוד, נאך א מסכתא. **מען דארף ברענגען משפיעים אין די ישיבות וואך נאך וואך, זיי זאלן געבן שיעורים כסדרן פאר די בחורים אויף אמונה, וואס א יוד דארף גלייבן אינעם אייבערשטען. אריינברענגען און באלייכטן די הערצער פון די תלמידים, אז אין עוד מלבדו, עס איז נישט דא אויף די וועלט עפעס אנדערש, אויסער דעם רבונו של עולם, לית אתר פנוי מיניה, עס איז נישט דא קיין פלאץ וואס איז ליידיג אן דעם אייבערשטען. אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו, עס איז נישט דא א פלאץ וואו עס איז מסתרים, וואו מען קען זיך אויסבאהאלטן. דאס דארף מען אריינלייכטן אין די תלמידים. לעבן מיט די נקודה שטענדיג. מען דארף געבן שיעורים אויף בטחון, אז אלעס איז מושגח פון הימל. די זיווג וואס שטייט פאר אים, וואס ער דארף האבן, איז אלעס אנגעשריבן פאר אים. זיין פרנסה וואס ער דארף האבן שפעטער, איז אלעס אנגעשריבן אויבן, נאך בעפאר ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט. ער זאל זיך נישט מתרעם זיין, ווען זאכן גייען נישט אזוי ווי ער וואלט ווען געוואלט, אלעס איז פונעם אייבערשטען.**

**ער** גייט ארויס פון ישיבה, ער דארף נאך לעבן זיבעציג יאר, און נאך מער, וואס ער וועט זיך דארפן פארמעסטן. וויפיל מצבים וועלן אדורכגיין אויף דעם קינד, מצבים פון בריאות, מצבים פון פרנסה, גידול בנים. מען דארף אריינברענגען דעם השלך על ה' יהבך, ווארף אלעס ארויף אויפן אייבערשטען, אלעס איז מן השמים פאר די טובה פונעם מענטש. אין אדם נוגע במוכן לחבירו, מען קען נישט צורירן צו א זאך וואס איז דיר באשערט, קיינער קען עס נישט צונעמען. התהלך עמו בתמימות, ולא תחקור אחר העתידות, גיין מיט תמימות מיטן אייבערשטען. האדם לא נברא אלא לשבר את הטבע. צוברעכן די טבע, יא, מיר זענען געבוירן מיט שלעכטע מידות, מיר זענען בעלי גאוה, מיר זענען בעלי כעס, און עס איז דא מחלוקת, קנאה, תאוה, כבוד, דאס אלעס דארף מען אין די יוגענט אריינפלאנצן אין די הערצער פון די קינדער. - **נאר מיט די ריכטיגע אמונה, קען א מענטש אדורכגיין זיין לעבן שפעטער רוהיגערהייט.**

**אריינברענגען** די מתנה טובה שיש לי בבית גנזי, ושבת שמה. אריינברענגען אין די תלמידים וואס א שבת איז. אז א שבת איז קודש לה', א שבת איז הייליג פארן אייבערשטען, א שבת איז נישט געמאכט געווארן צו שלאפן, און זיך אויסצורוהען, און עסן טשאלענט. **א שבת איז געמאכט געווארן צו דינען דעם באשעפער, א יומא דנשמתין, א טאג וואס מען איז זיך מייחד מיטן אייבערשטען. זיין דאווענען דארף אויסקוקן אנדערש, זיין לערנען דארף זיין אנדערש אין א שבת קודש. און ווען עס קומט פאר א יום טוב, דארף מען משפיע זיין אויף די תלמידים אריינברענגען א פלאם פייער, וויסן וואס די קדושת הימים זענען. - שיעורים אויף תפלה, אויף דאווענען, מסביר זיין די חשיבות פון תפלה. די שעה וואס א יוד איז מקושר מיטן אייבערשטען, בהתבוננות בגדולת הבורא און שפלות עצמו.**

## למאס בעניני עוה"ז, ולעורר ציפוי לגאולה העתידה

**און בכלל, אויסצולערנען אז מען דארף ממאס זיין אין עניני עולם הזה. עס איז א עולם עובר, א וועלט וואס איז**

**פארגענגליך. אונז שטיי מיר אוןווארט מיר אויף חיים נצחיים, וואס איז אנגעגרייט פאר אונז אין עולם הבא.** יעדער האט א תפקיד אויף די וועלט וואס ער קען צוקומען דערצו. וואס מען פארלאנגט פון דיר, פארלאנגט מען נישט פון דיין חבר, דו אין דיין מצב, האט דיך דער אייבערשטער אראפגעשטעלט, דו קענסט צוקומען צו חיי עולם הבא, צו חיים נצחיים. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. - אריינברענגען די השקפה, אז א מענטש פארלירט זיין וועלט, ווען ער גייט ארויס און ער זינדיגט. ווי שווער איז דער מירוק שפעטער אין גיהנם, וואס א מענטש דארף אדורכגיין, כדי ער זאל זיך קענען רייניגן נאכדעם.

**אריינברענגען א ציפוי צו די גאולה. האפן, מצפים זיין לישועה, ווארטן אויף די גאולה, ווארטן אונז זאל מיר זוכה זיין צו ביאת המשיח, עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים.** אונז האב מיר זיך צוגעוואוינט צו דעם גלות אין אמעריקא, וואס ב״ה דער אייבערשטער היט אונז דא, עס איז יד ה׳ חופף עלינו, עס איז דא פרייהייט, עס איז דא געלט, עס איז דא עושר, עס פעלט גארנישט פאר אונז. אזוי ווייט, אז עס אינטערעסירט שוין נישט ביי אונז, אז דער מצב זאל זיך טוישן. עס איז גאנץ פיין דא, עס פעלט אים גארנישט. ער האט א שיינע דירה, ער האט א שיינע פרנסה, ער האט מער ווי פרנסה, עס איז גוט אזוי. עס אינטערעסירט אים נישט קיין סאך אז עס זאל זיך טוישן. ער איז שוין נישט משתוקק און בענקט זיך אויף די גאולה, ווי מען האט זיך אמאל געבענקט. וואס וועט ער טון משיח וועט קומען? ער וועט מוזן איבערלאזן דא די גאנצע ריע״ל עסטעי״ט, און ער וועט מוזן לערנען תורתו של משיח, עס איז גוט אזוי ווי עס איז...

## לסדר שיעורים כלליים מידי שבוע בהלכה והשקפה

**פלעצער וואו מען לערנט נישט אין די ישיבה קיין שלחן ערוך, דארף מען מאכן א סדר קבוע, אדער לערנען שלחן ערוך, אדער על כל פנים לערנען שיעורים כללים, וואך ביי וואך, אויף די הלכות וואס איז נוגע פאר א יוד צו וויסן טאג נאך טאג.** זיין השכמת הבוקר, ציצית, תפילין, קריאת שמע, תפלה, הלכות שבת. אז ווען ער גייט ארויס פון די ישיבה, זאל ער קענען זיין א פשוטער ערליכער יוד. - מען מעג נעמען די ספרי הלימוד וואס מען לערנט ביי די טעכטער אין די סקולס, די הלכות און די השקפות, און זעהן וואס אונז קען מיר מסדר זיין שיעורים ביי אונזערע בחורים, זיי זאלן כאטש זיין בקי דאס וואס זייערע ווייבער קענען.

**ביי** זיי איז דא א געוואלדיגער שמועס שטענדיג וועגן טעכנעלאגיע, אז מען זאל נישט נמשך ווערן דערויף, אז מען זאל זיך מרחק זיין דערפון, און דאס מאכט א געוואלדיגע רושם אויף זיי, און זיי שטייען בעסער ווי עס שטייען ביי אונז די יונגעלייט. איך קען זאגן ביי אונז אין סקול, די העכסטע קלאס וואס איז ארויסגעגאנגען פאראיאר פון די וויליאמסבורגער מיידל שולע, ארויס צו די ארבעט. עס איז נישט דא קיין איין מיידל וואס האט אן אנדערן טעלעפאן, נאר א פליפ-פאון אן טעקסט! ווייל מען האט אריינגעלייגט אין זיי די ארבעט. הלוואי וואלטן אונזערע בחורים און אונזערע יונגעלייט אזוי אויסגעקוקט. - ווען מען רעדט און מען איז מעורר, קומט מען אן, און מען שטייגט.

*

## בניך ובנותיך נתונים לעם אחר, ועיניך רואות וכלות...

**איך** האב היינט געהאט א טעלעפאון קאל פון א יודענע - איך פרעג קיינמאל נישט ווער עס איז, און איך הער אויס וואס זי האט מיר צו זאגן - זאגט זי מיר אזוי: איך וויל נישט אז דער רב זאל אננעמען מיינע ווערטער אזוי ווי א חוצפה וואס איך זאג, אבער איך וויל זיך אויסשמועסן. דער רב האט גע׳דרש׳נט די פאריגע מאל, עס איז געווען א כינוס פאר די ווייבער, און דער רב האט גערעדט, אז קינדער פירן זיך אסאך מאל נישט אויף אזוי ווי מען האט געזעהן ביי די עלטערן, און עלטערן זאגן גארנישט, מען איז שטיל, מען לאזט גיין אזוי. און דער רב האט גערעדט, אז עס איז א חיוב אויף עלטערן מעורר צו זיין די קינדער, ווען מען זעהט אז מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, מען הייבט אן נאכצולאזן זאכן וואס עס איז געווען ביי זיי אין שטוב, זאל טאטע און מאמע פאראלטן פאר א קינד.

**זאגט** זי מיר, איך בין זייער צוריסן. מען האט מיך אויסגעלערנט אייביג, אז פאר קינדער טאר מען נישט זאגן גארנישט, ווען זיי האבן חתונה, ווייל מען טאר זיך נישט מישן אין זייער לעבן. פריי דיך אז זיי קומען נאך אריין צו דיר אין שטוב. און אז דו ווערסט זיי זאגן עפעס, אז זיי זענען נישט ווי עס דארף צו זיין, ווערסטו זיי אויף פארלירן. ווייס

איך אז איך טאר גארנישט זאגן. - מיין זון האט חתונה געהאט, און זיין חתן רבי האט אים געזאגט, אז מען דארף זייער שיין רעדן צו א ווייב, און מען דארף איר שטענדיג קאמפלימענט״ן אויף וואס זי טוט, מען טאר איר נישט זאגן קיין קריטיק, ווייל עס וועט צוברעכן די שלום בית. – קומט אויס, אז איך קען נישט זאגן, און מיין זון קען אויך נישט זאגן. און איך זעה נעבעך ווי מיין זון האט חתונה געהאט, און ער פאלט פון נאך די חתונה. ער הייבט אן נאכצולאזן. זאכן וואס איז געווען ביי אונז אין שטוב קודש קדשים, איז שוין ביי אים נישט אזוי. און זיי קומען אויף שבת צו מיר אין שטוב, און איך בייס מיר די ליפן, איך זאל נישט זאגן גארנישט, ווייל איך טאר דאך נישט זאגן, איך מעג נאר אלעס זעהן. און עס גייט מיר עד דכדוכי של נפש. יעדעס מאל וואס זיי טרעטן אריין צו מיר אין שטוב, טוט עס מיר ווי. וואס פאר א עצה געב איך מיר?

**פרעג** איך איר, וואס ווילט איר? וואס זאל איך אייך טון? זאגט זי, דער רב זאל רעדן דערפון. דער רב זאגט היינט א דרשה, זאל דער רב רעדן דערפון. זאג איך, צו וועם זאל איך רעדן? איך קען רעדן צו די מאמעס און צו טאטעס וואס קומען צו די דרשה, אבער ענקערע יונגערע קינדער, די יונגווארג היינט קומט נישט צו קיין דרשות, זיי זענען נישט אינטערעסירט דערויף. איך האב נישט צו וועם צו רעדן. זאגט זי מיר, מיין זון וועט היינט זיין ביים רב׳ס דרשה אין בית המדרש, און איך וויל ער זאל באקומען די מעסידז״ש פונעם רב. ער זאל וויסן, אז עס טוט מיר זייער ווי ווען ער קומט צו מיר אויף שבת, און איך זעה ווי אזוי זיין ווייב גייט אנגעטון, און איך זעה ווי אזוי ער פירט זיך אויף. עס טוט מיר ווי יעדעס מאל ווען זיי קומען, איך פארמאך מיר נאר די ליפן, אז איך זאל נישט רעדן דערפון.

**און** די מאמע זאגט מיר היינט אויפן טעלעפאון: מיין קינד קומט אריין, און ער דרייט זיך ארום מיט איר, ער האט געקויפט שאפינג אן-ליין, געקויפט דא און געקויפט דארטן. איך האב מיך געפלאגט אויף פרנסה, איך האב געגעבן ב״ה פאר מיינע קינדער אלעס וואס זיי דארפן צו האבן, עס האט זיי גארנישט געפעלט ביי מיר אינדערהיים, איך בין קיינמאל נישט געגאנגען שאפן אנ-ליין, איך האב געקענט קויפן דארט ביליגער, איך וואלט געקענט נוצן דאס געלט. איך האב געקויפט דא אין א יודישע געשעפט, עס איז ב״ה דא פילע געשעפטן וואס מען קען קויפן, און מהנה זיין א יוד. און איך בין דא געגאנגען קויפן, ווייל איך האב נישט געוואלט זיך דרייען דערויף. און ביי זיי, וואס זיי האבן מער פרנסה פון מיר, ביי זיי מאכט נישט אויס די פאר דאלער, אז זיי מוזן ארויפגיין אן-ליין צו קויפן. עד כאן.

---

## חובת ההורים לעורר בדרכי נועם על מעשי בניהם אחר נישואיהם

**און** איך וויל זאגן דערויף צוויי זאכן. איינס, וואס איז נוגע פאר די מאמע און פאר דעם טאטען. איך טויש מיר נישט מיין מיינונג, **מען דארף יא זאגן! נאר מען דארף וויסן, ווען צו זאגן, און ווי אזוי צו זאגן. מען קען רעדן בדברי נועם, מען קען רעדן מיט שיינע ווערטער. מען דארף טרעפן די ריכטיגע צייט ווען מען זאל עס זאגן. יא, מען דארף מעורר זיין קינדער, ווייל אז נישט, הערן זיי גארנישט, און זיי מיינען אז מען איז צופרידן מיט אלעם וואס זיי טוען.**

---

## הבנים בהתנהגותם הירודה גורמים צער להוריהם

**ווען** מען גייט צו די עלטערן, מען זאל וויסן, אז מען טוט ווייי פאר עלטערן, אויב מען גייט נישט אנגעטון, און מען פירט זיך נישט אויף, ווי עס דארף צו זיין. כאטש די עלטערן זאגן גארנישט דערויף. **כבד את אביך ואת אמך, מען דארף מכבד זיין עלטערן. עלטערן האבן זיך מוסר נפש געווען פאר זייערע קינדער, אז זיי זאלן אויסקוקן אזוי ווי זיי זענען יעצט. וויפיל געלט און כח און שעות לייגן עלטערן אריין פאר קינדער, עס לאזט זיך נישט זאגן. וואו איז דיין הכרת הטוב? דו גייסט שוין יא אויף שבת צו דיינע עלטערן, דארף דיין מאמע וויי-טון? זי דארף זיך בייסן די ליפן, און זעהן ווי אזוי מען פירט זיך אויף? מען דארף עס נעמען אין הארץ צו וויסן, כבד את אביך ואת אמך. אויסער כבוד שמים, מען טאר נישט זיין קיין כפוי טובה! מען טאר נישט וויי-טון פאר עלטערן! עלטערן טוט וויי, ווען א קינד פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין.**

*

---

## נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל

**איך** וויל ענדיגן מיט א ווארט אין די מגילה, א דבר חיזוק פאר אונז אלע. עס שטייט ביי זרש, ותאמר לו זרש אשתו, יעשו עץ גבוה חמשים אמה, ובבוקר אמר למלך, ויתלו את מרדכי עליו, מען זאל אויפהענגען מרדכי, ובוא

עם המלך אל המשתה שמח (אסתר ה-יד). אין די מפרשים איז דא כמה רמזים, וואס האט ער געוואלט מיט א עץ פון חמשים אמה, מען זאל אויפהענגען מרדכי? עס קען זיין עס ליגט דערין א געוויסע נקודה.

**די** גמרא (ברכות ד:) זאגט, אז אין אשרי איז נישט דא קיין אות נ', מפני שיש בה מפלתן של ישראל. נו"ן איז א נפילה, נפלה ולא תוסיף קום בתולות ישראל (עמוס ה-ב), נפלה, עס איז געפאלן, לא תוסיף קום בתולות ישראל, זי וועט מער נישט אויפשטיין. האט דוד המלך ארויסגענומען דעם אות נו"ן פון אשרי. זאגט די גמרא, במערבא מתרצי לה הכי, אין ארץ ישראל, האט מען געטייטשט אנדערש דעם פסוק, נפלה, מען איז געפאלן, ולא תוסיף, מען וועט אבער נישט פאלן מער, קום בתולות ישראל, מען וועט אויפשטיין. אמר רב נחמן בר יצחק אפילו הכי חזר דוד וסמכם ברוח הקודש, פון דעסטוועגן דאך האט דוד המלך סומך געווען די נפילה ברוח הקודש, ער האט צוגעשטעלט דעם פסוק (תהלים קמה-יד) סומך ה' לכל הנופלים. נו"ן דאס ווייזט אויף נפילה.

**המן** הרשע האט דאך געוואלט להשמיד ולאבד את כל היהודים, און אנהייבן מיט די תלויה פון מרדכי. און ער האט געטראכט, נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל, עס וועט זיין זייער נפילה, האט ער געמאכט א עץ גבוה חמשים אמה, ווייזן אויף דעם אות נו"ן, וואס דאס איז מפלתן של שונאי ישראל. יודען האבן אבער תשובה געטון אויף דעם וואס השתחוו לצלם, און נהנו מסעודתו של אותו רשע, און עס איז מקויים געווארן סומך ה' לכל הנופלים, דער אייבערשטער האט אונז סומך געווען. חזר דוד וסומכן ברוח הקודש, עס איז נהפך געווארן מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב, עס איז געשעהן ניסים גלויים פאר יודען. דער בני יששכר (כסלו ד-ב) זאגט, אז וועגן דעם ווערט עס אנגערופן 'נס', נס איז נו"ן מיט א סמ"ך. עס איז דא א נפילה, און עס איז דא א סמ"ך. וואס דאס איז סומך די נופלים.

## ברגע של התבוננות אמיתי אפשר לשנות דרכו לטובה

**עס** קען זיין לענינינו דער רמז דערפון. דוד המלך סמכן ברוח הקודש, ער האט סומך געווען די אלע נופלים אין רוחניות, די אלע וואס זענען געפאלן אין יודישקייט, האט ער זיי סומך געווען. וויפיל מאל איז דא ביי אונז, וואס א מענטש האט הרהורי תשובה, ער זעהט איין אז עס איז נישט גוט וואו ער שטייט, ער וויל תשובה טון. עס ווערט ביי אים נתעורר א רוח טהרה, איבערצולאזן דעם וועג ווי איך בין געגאנגען ביז יעצט, און זיך צוריק קערן אל אביו שבשמים. אבער עס גייט אדורך א שטיקל צייט, ער ציהט צוריק, ער איז זיך מייאש, איך האב שוין אזויפיל מאל אנגעהויבן, איך האב שוין אזויפיל מאל פרובירט זיך צו טוישן, און איך האב נישט מצליח געווען. איך געפין זיך שוין אזוי נידריג, אז איך האב שוין נישט קיין תקנה, איך האב שוין פארלוירן ממילא מיין וועלט. עס וועט שוין זיין גוט אזוי ווי עס איז, עס וועט זיך נישט טוישן.

**דאס** אלעס קומט פון דעם יצר הרע, וואס איז מדחה דעם מענטש. ווייל אונז גלייב מיר באמונה שלימה, אז ימינו של הקב"ה פשוטה לקבל שבים, פאר יעדע מענטש איז דא א אויסגעשטרעקטע האנט פונעם אייבערשטען, וואס וויל אים מקבל זיין. אזוי שטייט אין חומש (דברים ד-כח), ועבדתם שם אלהים מעשי ידי אדם עץ ואבן, זאגט די תורה, עס וועט קומען א צייט מען וועט דינען עבודה זרה, אבער ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת. אפילו עס וועט זיין ועבדתם שם אלהים אחרים, דו וועסט זיך געפונען אין אזא מצב ווי דו ביסט אן עובד עבודה זרה, ביסטו נישט פארפאלן! ובקשתם משם את ה' אלקיך, ומצאת, כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך. אפילו ווען א מענטש געפונט זיך טיף טיף טיף אין שאול תחתיה, אין לך דבר שעומד בפני הרצון (זוה"ק ח"ב קסב:), אויב ער איז מחליט באמת איבערצולאזן זיין וועג, וועט ער האבן סיוע פונעם אייבערשטען, אז ער וועט זיך קענען טוישן. **איין גוטע רגע וואס א יוד האט, איין ריכטיגע התבוננות, קען איבערדרייען א מענטש מן הקצה אל הקצה. איין אמת'דיגע רצון זיך צו טוישן, און גיין אויפן ריכטיגן וועג, קען צופירן דעם מענטש נתעלה צו ווערן, אז פון יעצט אן וועט ער לעבן א דערהויבן לעבן, אז זיין לעבן זאל האבן קרבת אלקים!**

## מי יתן טהור מטמא 'לא אחד'

**דער** פסוק (איוב יד-ד) זאגט, מי יתן טהור מטמא לא אחד [איך וועל נישט אריינגיין אינעם פשוטן פשט]. דער פסוק זאגט דא פאר אונז, איך וועל דיר געבן א וועג, ווי אזוי מען קען מאכן פון א טמא, א טהור. **'מי יתן טהור מטמא', ווער קען מאכן אז פון א טמא זאל ווערן א טהור, 'לא**

**אחד׳, איין ניין, איין ׳לא׳! איינמאל וואס א מענטש איז מחליט ביי זיך, איך גיי נישט ממשיך זיין אין דעם וועג וואו איך בין געגאנגען, איך גיי טון אלע השתדלות, איך גיי זיך טוישן פון וואס איך בין געווען. איך גיי נישט שאדן מאכן, מיך מיט מיינע דורות, לעולמי עולמים. איך גיי נישט אויפשטעלן א דור וואס וועט זיין א דור עקש ופתלתול. איך גיי נישט שאדן האבן מיינע דורות. חפץ ה׳ יצליח, דארף ער זיך נישט דערשרעקן, און ער וועט האבן סייעתא דשמיא, אז ער וועט עס קענען אדורכפירן.**

**זאגט** דער פסוק, ׳נפלה ולא תוסיף לנפול עוד׳, אפילו ווען א מענטש איז נפלה, ער איז אזוי געפאלן, אז לא תוסיף לנפול עוד, ער איז שוין בדיוטא התחתונה אז מען קען שוין נישט פאלן ווייטער. ׳נפלה׳, ער איז אזוי געפאלן, אז ׳לא תוסיף לנפול עוד׳, ער קען נישט פאלן ווייטער, אזוי ווייט איז זיין ירידה. פון דעסטוועגן דאך, ׳קום בתולת ישראל׳, קען מען זיך נאך אלץ דערהייבן.

**און** דאס איז חזר דוד וסמכן ברוח הקודש, סומך ה׳ לכל הנופלים, פאר יעדן. **אפילו א מענטש געפינט זיך אין די נידריגסטע שאול תחתית, פון דעסטוועגן דאך קען ער ווערן פון א טמא, א טהור.** ׳לא אחד׳, מאכן אן החלטה ביי זיך, איך בין נתעורר געווארן, דאס איז נישט גוט, איך גיי די זאך טוישן ביי מיר אין שטוב. די זאך וועל איך פון היינט אן, זיך מער נישט צוריק קערן דערצו. ווייל א מענטש קען זיך טוישן! עס איז אים אפשר שווער צו נעמען זיין סמארטפאון און איבערלאזן אויף שטענדיג. אבער הייב אן צוביסלעך, נעם קודם א פאר טאג, נעם א וואך, ביז פורים, לייג עס אין דער זייט. איך גיי עס נאר נוצן, ווען איך דארף עס האבן פאר ביזנעס ממש, פאר עפעס אנדערש גיי איך עס נישט נוצן. צוביסלעך וועט ער זיך צוגעוואוינען, און ער וועט זעהן וואס פאר א אנדערע סארט יוד ער וועט ווערן אין די קורצע צייט.

**דער** הייליגער רבי ר׳ זושא זי״ע טייטשט, ויאמר אסתירה פני מהם, אראה מה אחריתם, כי דור תהפיכות המה (דברים לב-כ). זאגט דער הייליגער רבי ר׳ זושא, אפילו ווען עס איז א זמן, וואס יודען זענען בשפל המצב, אז ׳ויאמר׳, דער אייבערשטער זאגט, ׳אסתירה פני מהם׳, איך וויל זיי אוועקנעמען פון מיין פנים. זאגט דער אייבערשטער, פון דעסטוועגן דאך, ׳אראה מה אחריתם׳, איך וויל נאך אויסווארטן צו זעהן וואס עס וועט זיין ביי זיי שפעטער. ׳כי דור תהפוכות המה׳, **ווייל יודען זענען א דור וואס זיי קענען זיך איבערדרייען פון איין מינוט אויף די אנדערע, מען קען זיך טוישן מן הקצה אל הקצה. דער אייבערשטער ווארט אויף א אמת׳דיגע רגע וואס א יוד האט א הרהור תשובה, צו קענען געטוישט ווערן, און ווערן א גוטער יוד.**

## להתחמם באורן של חכמים בכל עת מצוא

**און** די עצה דערויף איז, **זיך מתחבר זיין נאר מיט גוטע חברים, מיט א חברותא פון בני תורה, יראים ושלמים. זיך נישט דרייען צווישן ליידיגע יונגעלייט. דאוונען אין א בית המדרש וואו ער וועט קונה זיין דארט תורה און יראת שמים, נישט נאר אפצודאוונען און אוועקגיין. זיך מתחמם זיין באורן של חכמים, זיך ווארעמען צווישן תלמידי חכמים אין שבתים ימים טובים, הערן מוסר, הערן הדרכה.**

**עס** איז ב״ה היינט געווארן אסאך טעלעפאון ליינ״ס וואו מען קען הערן תורה, דרשות, און מוסר אין אלע נושאים וואס איז דא. און פון אלע חכמי ישראל וואס איז אויסגעשטעלט, וואס עס איז לפי רוחו צו הערן. מען קען אוועקגעבן אזויפיל צייט וואס מען גיט אוועק פאר נארישקייטן, קען מען אויסנוצן פאר תורה און פאר מצוות. און עס איז משנה דעם מענטש. איין גוטע דרשה וואס א יוד הערט, און פונקט אין א מינוט וואס ער ווערט איבערגענומען דערפון, קען טוישן דעם מענטש פון וואס ער איז געווען. די פרייע צייטן וואס מען האט, אנשטאטס אנברענגען די צייט מיט ליידיג גיין, מיט הבלי הזמן, זאל ער אנפולען זיינע אויערן מיט דברי תורה, וועט ער זעהן ביי זיך א שינוי לטובה. א יוד גייט אריין לחנותו של בושם, גייט ער ארויס מיט א ריח טוב.

*

## הפריצות הנוראה במלבוש השייט״ל

**איך** וויל נאר צוגעבן צוויי נקודות, ממש נאר אין קורצע ווערטער, און מיט דעם וועל איך ענדיגן. **די פריצות וואס איז דא לעצטנס אין די שייטלעך וואס מען גייט. עס שרייט ביז צום הימל, ווי אזוי מיר זענען געפאלן פון וואס מיר זענען געווען מיט א פאר יאר צוריק.** דער ענין פון צודעקן א קאפ, כיסוי הראש ביי א אשה, האט די תורה מחייב געווען, כדי עס זאל ארויסווייזן איר באשיידענקייט, אז זי איז א נשואה, אז זי האט חתונה געהאט. און דער כיסוי הראש וואס איז געמאכט געווארן פאר צניעות, האט מען היינט גענומען, און מען האט עס געמאכט פאר א בגד של פריצות, במלוא מובן המלה! מען קען נישט מסביר זיין אלעס אזוי ווייט. **די לאנגע**

**שייטלעך וואס מען גייט, איז אסאך און אסאך ערגער ווי די אייגענע האר וואס מען איז געגאנגען דערין, וועון זי איז געווען א פנויה!** זי גייט זיך טוישן, זי שערט זיך אפ די האר, ווייל האר איז דאך א זאך וואס דארף נישט זיין ביי א אשה נשואה, זי גייט עס אפשערן. און וואס טוט זי נאכדעם? זי לייגט ארויף אויף איר קאפ א זאך וואס איז אסאך ערגער ווי די האר וואס זי איז געגאנגען! וואס איז מעורר פריצות אסאך מער, ווי עס איז געווען פריער! - **עס ליגט אויף יעדן איינעם א חיוב, אוועקצונעמען די פירצה, ביי זיך אינעם שטוב! מען קען נישט מתקן זיין די וועלט. בעטן בדברי נועם אין שטוב, מען זאל גיין מיט א קורץ שייטל, דער שייטל זאל נישט זיין לענגער ווי די אקסלען. מען זאל נישט גיין מיט קיין לעיס-שייטל וואס אלע חכמי ישראל האבן עס גע'אסר'ט.**

**און וואויל איז פאר דעם, וואס קען פועל'ן ביי זיך אין שטוב, אז מען זאל גיין נאר מיט א סינטעטי"ש שייטל! מען זאל וויסן, אז די אלע שייטלעך וואס איז האר, וואס מען גייט היינט ארום, איז דא ערנסטע חששות פון איסור תקרובת עבודה זרה.** עס איז דא וואס האבן עס גע'אסר'ט אינגאנצען. תקרובת עבודה זרה איז אסור בהנאה מדאורייתא. אין א שטוב וואס איז דא עבודה זרה, קען נישט זיין קיין השראת השכינה דארט. עס קען נישט רוהען די שכינה אין א שטוב, וואס אויפן קאפ גייט מען ארום מיט עבודה זרה. - אשתך כגפן פוריה, אז מען וועט אפהיטן מען זאל גיין אנגעטון ווי מען דארף צו זיין, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, וועט מען האבן קינדער, וואס איז אזוי ווי די שתילי זיתים.

*

## מצב המלחמה באוקריינע

**איך** האב געוואלט מעורר זיין נאך א נקודה, **דער מצב פון די מלחמה וואס איז היינט דא אין אוקריינא. טויזענטער יודישע קינדער געפונען זיך אין א מצוקה דארט, מען דארף מעורר זיין בתפלה, עס זאל פאר קיינעם נישט שאטן גארנישט. און בעטן פונעם אייבערשטען אויף אחינו בני ישראל, אז דער אייבערשטער זאל זיי מוציא זיין מצרה לרווחה ומאפילה לאור גדול. מען דארף זיך משתדל זיין מאכן קרנות פון צדקה, ארויסצוהעלפן פאר די יודען וואס געפונען זיך דארטן.** עס איז זיכער דא ארגענעזאציע"ס וואס וועלן זיך נעמען דערצו. מען זאל געבן מיט א ווארעם הארץ, איש כמתנת ידו, כברכת ה' אלקיך אשר נתן לך.

*

## והערב נא את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל

**איך** וועל צו ענדיגן. היינט צופרי איך בין אויפגעשטאנען, איך האב געזאגט ברכת התורה, וועון איך בין צוגעקומען צו די ברכת התורה, וואס מען בעהט והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל, האב איך געטראכט, איך דארף זיך היינט שטעלן זאגן א דרשה פאר יודישע קינדער ברבים. איך בעהט פונעם אייבערשטען, והערב נא ה' אלקינו, דער באשעפער זאל אריינגעבן אן עריבות, א זיסקייט, אין די ווערטער וואס מען וועט רעדן. אז די דברי תוכחה וואס מען וועט הערן, זאל נישט זיין א ביטערער פי"ל אראפצושלינגען, און אהיימגיין מיט א פארביטערטקייט פון וואס מען האט געהערט ביי די דרשה. והערב נא, עס זאל נתקבל ווערן מיט א זיסקייט, און נישט נאר בפינו, בשעת מען רעדט עס, נאר עס זאל אריין גיין בפיות עמך בית ישראל, אז ווער עס הערט עס, און ער וועט רעדן דערפון, זאל ארויסברענגען אז אונז זוך מיר נישט צו פארביטערן דעם לעבן, אונז זוך מיר שענער און בעסער צו מאכן דעם לעבן פון א יוד. עס זאל נתקבל ווערן די ווערטער, **מען זאל דערקענען די מתיקות וואס איז דא וועון מען גייט בדרכי התורה. כי הם חיינו ואורך ימינו, די תורה דאס איז אונזער לעבן, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר אלע געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב, בני חיי ומזוני רוויחא. דער באשעפער זאל ממלא זיין פאר ענק, און פאר יעדן איינעם, כל משאלות לבבו לטובה, מען זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס זיין הארץ גליסט. מען זאל געדענקן, וואס שטייט אין מדרש (ב"ר מב-ד), אז בשעת מלכיות זענען זיך מתגרות זה בזה, וועון מען זעהט אז מלכיות קריגן זיך, צפה לרגלי המשיח, זאל מען ווארטן אויף רגלי משיח. זאל דער אייבערשטער געבן שנזכה ונחיה ונראה, שיבוא ויגאלנו, ויוליכנו קוממיות לארצינו, במהרה בימינו אמן.

**ניתן לשמוע הדרשה במילואו - חלק הדרוש • הספדים • דברי מוסד והתעוררות**
**במערכת "קול מעדני מלך וויען" 718.400.7710-7**

**ההפצה נדבת, הס"ד הי"ו, לתועלת הרבים**